יודישע
פאלקס־צייטונג

12 August 1903. | פערלאג „פאלקס־בילדונג" ווארשא. | י"ט אב תרס"ג.

אינהאלט: דער רבנים קאנגרעס אין קראקא; ל. — פאליטישע ענינים. — צווישען צייטונגען און זשורנאלען; לעקטאר. — נייעס פון דער וואך: I וועלט נייעס; II יודישע נייעס. — בריף פון פאריז; ד"ר בדן. — פלאמען; ישעיהו לערנער. — אלטניילאנד; משה קליינמאן. — רוח; א. ש. זאקס. — די וועלט־געשיכטע; ה. קירשענבוים. — ליטעראטור און קונסט. — אלערליי.

יודישע פרויען־וועלט: I אלגעמיינע נייעס. — וועגען פרויען־ערציהונג; נ. מולנער. — מודעות.

פעליעטאן: די חברה „כלי־זמר"; אברהם רייזען.

!!! יודישע שרייב מאשינען !!!

אריגינעל אמעריקאנישע
פאר 20 רובעל
עמפפעהלט און פערפליכטעט זיך
אויסצוטוישען אימפאלע זאלען צו
שאנדען ווערען
אים לויפע פון 3 יאהר
Торг. Домъ Г. ЛАСКІЙ и Ко.
Варшава. Гожаь 46е соб. домъ
241 אויסער שטעדטישע ווירד געשיקט פער נאכנאמע. 3—1

„אראגא־גורסקי. ווארשא, לעשנא № 4
דאס איינציגסטע מיטעל צום אויסראטען נאגניאטקעס (הינער־אויגען) בראדאווקעס און פערהארטעטע הויט צור פרייז 30 קאפ' און 0 קאפ פארדערן איבעראל.
25—22 (129)

אנשים הולים קובץ ספורים מאת א. ליבושיצהי.
מכיל: תולשת המשורר, מורך, האם מנמנמת, רוצח, החולם הקטן, המפורסם, מחיי כופר בכל.
מחירו 25 ק' בלי המשלוח.
פרי הספר מוקדש לטובת המורים העברים, שסבלו מן הפרעות בקישינוב.
להשיגו בכל בתי מסחר הספרים העברים ואצל:
Издат. „Тушія" Варшава. Verlag »Tuschijah« Warschau.
352 בע"פ נובוליפקי 7 מען 9 5—5

! לעהרערס מיטטאגע !

! לעהרערס מיטטאגע !

! לעהרערס מיטטאגע !

! לעהרערס מיטטאגע !
ווילט איהר פרישעס עססען ?
ווילט איהר געזונטעס עססען ?
ווילט איהר גענוג צו עססען ?
ווילט איהר בילליג צו עססען ?
וואלט איהר קומענדיג אין ווארשא געהן עססען די בעקאנטע
לעהרערס מיטטאגע
אין רובינשטיינס רעסטאראן, נאלעווקי 17 — דזיקא 14
12—9 ביטטע נישט צו פערגעססען די אדרעסע. (218)

פאבריק פון אייזערנע קאסעטקעס (קליינע קאסעלעך)
A. LAMPRECHT
CZERNIAKOWSKA 98, W WARSZAWIE
עמפפעהלט אויטאמאטישע שפאר־קאסעס שטארק און שען געארבייט.
אנגרא פערקויף אין דער פאבריק
240 איינצעל פערקויף אין ווארשא ביי: 8—1
K. BRUN, PLAC TEATRALNY.

58 נאוואליפקי 58
צום אנפאנגס 20-טען יאהרהונדערט
די נייעסטע און נוצבארסטע ערפינדונג צו פעררוכט אל־לערליי שוהווערק אהן נעהט און ניט צו דערקענע קיין שום צייכען פון א לאטע
דער גרעסטער עלעגאנט, וועלכער האט ביז יעצט נישט געוואלט טראגען קיין פעררוכטע שוהע, קאן עס זיך יעצט גאנץ דרייסט ערלויבען וועהרענד די שוהע קומען ארויס פונקט ווי פון דער ניי.
עס ווערט פעררוכט שוהווערק פון אללערהאנד לעדער: האמ־בורגער, געמזא, קאלירטע און לאקירטע, און צו בע־קוועמליכקייט פיר די קונדען פערפערטיגען מיר אויך אללערליי אנדערע רעפעראציעס, ווי זאהלען, אבצאסען א.ד.ג. צו זעהר ביליגע פרייזען.
מיר האבען ספעציעלע מעגשען צום אהננעמען און אבשיקען די ארבייט, מען דארף אונז נור מודיע זיין די אדרעסע.
ביטע צו ערקונדיגען זיך אין
229 מעכאנישען ווערקשטאט 25—7
נאוואליפקי 58. גרינשטיין עט אקערמאן.
58 נאוואליפקי 58

די רֶעדַאקְצִיע „יוּדִישֶׁע פָאלְקְס-צַייטוּנג" אִיז מוֹדִיעַ, אַז זִי אִיז צוּגֶעטְרֶעטֶען אַרוֹיסְצוּגֶעבֶּען אַ זַאמֶעל-בּוּך (סְבָּארְנִיק) פַאר דֶעם פָאלְק מִיט דֶעם נָאמֶען

„הִ י לְ ף"

דִי גַאנְצֶע הַכְנָסָה פוּן דֶעם סְבָּארְנִיק וֶועט

גֶעהְן פַאר דִי פַארְאוּמְגְלִיקְטֶע יוּדֶען אִין קִישִׁינוֹב.

אִין דֶעם דָאזִיגֶען סְבָּארְנִיק וֶועלֶען אַרַיינְקוּמֶען זַאכֶען פוּן דִי בֶּעסְטֶע שְׁרִיפְטְשְׁטֶעלֶער, וָואס שְׁרַייבֶּען זְשַארְגָאן אוּנ הֶעבְּרֵייאִישׁ אוּנ אוֹיךְ דִי וָואס שְׁרַייבֶּען אִין אֵייְרָאפֵּייאִישֶׁע שְׁפְּרַאכֶען, וָואס וֶועלֶען פוּן דֶער רֶעדַאקְצִיע אִיבֶּערְזֶעצְט וֶוערֶען אִין זְשַארְגָאן.

אוֹיךְ וֶועלֶען אַרַיינְקוּמֶען אִין דֶעם זַאמֶעל-בּוּך אִילוּסְטְרַאצִיֶעס פוּן בֶּערִיהְמְטֶע יוּדִישֶׁע קִינְסְטְלֶער.

בִּיז יֶעצְט הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען מִיטְצוּאַרְבֵּייטֶען אִין זַאמֶעל-בּוּך „הִילְף": נִישְׁט יוּדִישֶׁע שְׁרִיפְט-שְׁטֶעלֶער: לֶעוו טָאלְסְטָאי; מַאקְסִים גָארְקִי; וְולַאדִימִירו קָארָאלֶענְקָא; אַנְטָאן טְשֶׁעחָאוו; עֶלִיזַא אָרְזֶשְׁעשְׁקָא; רַאשֶׁעל הִין; פְּרָאפֶעסָאר בָּאזְשֶׁענָאוו.

יוּדִישֶׁע שְׁרִיפְטְשְׁטֶעלֶער: מֶענְדֶעלִי מוֹכֵר סְפָרִים; שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם; דָוִד פְרִישְׁמַאנְן; בֶּן-עַמִּי; עֶזְרָא גָאלְדִין; מְנַשֶּׁה מַרְגַלִיוֹת; אֶלְעָזָר שׁוּלְמַאן; ד"ר מ. י. בֶּערְדִיטְשֶׁעוְוסְקִי; מָרְדְכַי בֶּן הִלֵּל הַכֹּהֵן; ד"ר י. לִיאַקוּמָאוִויטְשׁ; מ. מ. הוּרְוִויץ; א. ד. רָאזֶענְטַהאל; יַעֲקֹב כֹּהֵן; י. ח. רַאבְּנִיצְקִי; יוֹסֵף יָפֶה; דָוִד פִּינְסְקִי; י. לֶערְנֶער; יְהוּדָה שְׁטֵיינְבֶּערְג; לִיפְּמַאן לֶעוִוין; א. רֵייזֶען; ל. יָפֶה; א. שׁ. זַאקְס.

דֶער פְּרֵייז פוּן סְבָּארְנִיק אִיז 1 רוּבָּל מִיט פָּארְטָא.

דֶעם חֶשְׁבּוֹן פוּן דֶער הַכְנָסָה מִיט דֶער הוֹצָאָה פוּן סְבָּארְנִיק וֶועלֶען מִיר אִין דֶער צַייט מוֹדִיעַ זַיין אִין אַלֶע יוּדִישֶׁע צַייטוּנְגֶען.

רֶעדַאקְצִיע „יוּדִישֶׁע פָאלְקְס-צַייטוּנג".

בְּשׂוֹרָה נְעִימָה!

צֵאת לָאוֹר סֵפֶר תּוֹלְדוֹת יִשְׂרָאֵל מְצֻיָּר!

לְלַמֵּד אֶת יַלְדֵי בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַהִיסְטֹרְיָה הַבִּבְלִית עִם קִצּוּר דִּבְרֵי יְמֵי עַמֵּנוּ עַד חֲתִימַת הַתַּלְמוּד, בִּשְׂפַת עֵבֶר עַל טָהֳרַת הַקֹּדֶשׁ עִם תַּרְגּוּם רוּסִי, מֵאֵת הַבַּלְשָׁן הַנּוֹדָע הַמְדַקְדֵּק וְהַמְבָאֵר הר' יִצְחָק וָוארְשַׁאוְסְקִי, שֶׁרַק הַהִיסְטֹרְיָה הָעִבְרִית הַזֹּאת לְבַדָּהּ מְאֻשֶּׁרֶת מִטַּעַם הַמֶּמְשָׁלָה בְּתוֹר סֵפֶר לִמּוּד הַהִיסְטֹרְיָה הַבִּבְלִית (УЧЕБНИКЪ по Библейской Исторiи) יָצָא לָאוֹר בְּתַבְנִית מְפֹאֶרֶת עַל נְיָר יָפֶה וּדְפוּס יָפֶה נֶחְמָד לְמַרְאֶה, עִם צִיּוּרִים רַבִּים מְהֻדָּרִים וְעִם הוֹסָפוֹת וְתִקּוּנִים וְהֶעָרוֹת כְּרֻנְלָגִיוֹת וּבֵאוּרִיּוֹת בִּשְׂפַת רוּסְיָה מֵאֵת הַמְחַבֵּר, לְמַעַן אֲשֶׁר יִמְצְאוּ בוֹ תּוֹעֶלֶת רַבָּה מֵבִין עִם תַּלְמִיד. וְאַף כִּי הַהוֹצָאָה הַזֹּאת עָלְתָה בְּדָמִים מְרֻבִּים מְאֹד, עכ"ז קָצַבְנוּ אֶת מְחִיר הַסֵּפֶר רַק 60 קָאפּ', עִם פָּארְטָא 75 קָאפּ' וְע"י נָאכְנַאהְמֶע 85 קָאפּ'. לְסוֹחֲרֵי סְפָרִים וּלְבָתֵּי סֵפֶר רַבָּאט הָגוּן.

אַדְרֶעסֶע: 232 12—6

Книжный магазинъ Братьевъ Блетницкихъ въ Одессѣ

לֶעזְט און הערט דעם אמת!!

אלע אנאנסירטע ברוכבענדער מיט עלעקטריע היילען נישט אוים קיין שום ברוך. דאס גוטיגקייט פון איינען ברוכבאנד איז נור ער זאל פעסט איינהאלטען דעם ברוך און נישט דריקען דעם קערפער.

זאלכע פערפערטיגט אין אייגענער פאבריק וועלכע איז בעהרט געווארען מיט מעדאילע פון דער דאקטארסקע אויסשטעלונג

Д. Мошковскiй, Варшава

Налевки № 37

(135) 50—23

אבאנאמענטס־פרייז:

עסטרייך־אונגארן: יעהרליך 10 קראנען,
האלב־יעהרליך . . . . 5 „
פיערטעל־יעהרליך . . . 2.50 „
דייטשלאנד: יעהרליך . . . 9 מארק.
אמעריקא, ענגלאנד יעהר. 8 שילינג 8 פעני
אנדערע לענדער: יעהרליך 11 פראנק.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון שלום עליכם": יעהרליך 12.50 קראנען; 11.25 מארק; 11 שילינג; 14 פראנק. האלביעהרליך 7.50 קראנען; 6.75 מארק 6.60 שילינג; 8.40 פראנק; פירטעליעהרליך 3.75 קראנען; 3.40 מארק; 3.30 שילינג; 7.29 פראנק.

ענדערן די אדרעסע קאסט 20 קאפ. 40 העלער.

יודישע

פאלקס־צייטונג

א וואכען־בלאט פאר אלע יודישע אינטערעסען.

די אדרעסע פאר עסטרייך־אונגארן און אנדערע לענדער:
Administration
„Jüdische Volks-Zeitung"
Krakau, Sebastyangasse 32.

די אדרעסע פאר רוסלאנד:
Издательство „Тушія" Варшава
для „ФОЛКСБИЛДУНГЪ":
מינדליך: נאוואליפקי 7, וואהנונג 9.

אבאנאמענטס־פרייז פאר רוסלאנד:

יעהרליך 4 רובל, האלב־יעהרליך 2 רובל פיערטעל־יעהרליך 1 רובל.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון שלום עליכם": יעהרליך 5 רובל; האלב־יעהרליך 3 רובל, פיערטעל־יעהרליך 1.50 רובל. יעהרליכע אבאנענטען קענען די 5 ר' אויסצאהלען אין ראטען: ביים אויסשרייבען 2 רובל, דעם 1־טען אפריל 1 רובל, 1־טען יולי 1 רובל און דעם 1־טען אקטאבער די לעצטע ראטע 1 רובל.
איינצעלנע נומערן 8 קאפ. 20 העלער.

פרייז פאר מודעות (אנצייגען):
פאר יעדער קליינע שורה פעטיט 15 קאפ. 30 העלער, 40 פעניג.
אויף די ערשטע זייטע פאר דעם טעקסט 30 קאפ. 60 העלער, 80 פעניג.

י"ט אב תרס"ג. Nr. 33. 12 August 1903.

דער רבנים־קאנגרעס אין קראקא.

א יודישען סינאד האבען מיר נישט געהאט שוין באלד 2000 יאהר, זייט דאס בית־המקדש איז חרוב געווארען. די ערשטע צייט פונ'ם גלות האבען מיר נאך געהאט די יודישע האכשולען אין ארץ ישראל און אין בבל, וואס זייער אויטאריטעט האט געגילט פאר אלע יודען אויף די גאנצע וועלט. די האכשולע אין בבל איז אין די צייט פון די גאונים געווען איין ארט קאנסיסטאריום פאר כל ישראל. דארט איז געווען דאס צענטרום פונ'ם יודישקייט, א גזרה אדער א פסק, וואס איז פון דארט ארויס געגאנגען איז געווען הייליג פאר אלע יודען. די שטאדט סורא אין בבל איז געוועזען פיעל הונדערטער יאהר נאכ'ן חרבן, וואס ירושלים איז פריהער געווען — א גייסטיגער מיטעלפונקט פאר'ן יודישען פאלק.

טויזענט יאהר זענען יודען געווען אין אזא ביטערע לאגע, אז זיי האבען גאר נישט געקאנט דענקען אן א גייסטיגען מיטעלפונקט, אזוי ווי זיי האבען נישט געטראכט פון א פאליטישען צענטרום. פאר דריי הונדערט יאהר האבען אפילו די רבנים פון ארץ ישראל יא חשק געהאט איינצופיהרען „סמיכה", ד. ה. אז די רבנים פון ארץ ישראל זאלען האבען רשות צו געבען די רבני'שע אויטאריטעט וועמען זיי ווילען און ביי זיי וואלט דורך דעם געווען דאס גייסטיגע צענטרום פונ'ם יודישען פאלק. אבער אנדערע רבנים האבען נישט געוואלט וויסען דערפון. דורך דעם פינסטערען גלות האבען זיך יודען געוויהנט מורא צו האבען פאר יעדע נייע איינפיהרונג. אלעס נייע האבען זיי חושד געווען, אז עס איז צו ווידער דעם רעכטען יודישקייט. די זאך איז נישט צושטאנד געקומען. גאר א רבנים־קאנגרעס איז יא דעמאלט דארט געווען, אין וועלכען 200 רבנים האבען טייל גענומען.

ארום דער אייגענער צייט האט זיך אין פוילען, וואו די יודען האבען דעמאלט פרייער געלעבט ווי אויף דער גאנצער וועלט, געמאכט א „ועד שלש ארצות" און דערנאך „ועד ארבע ארצות". די רבנים און די „רעגירער" (פרנסים) פון די קהלות זענען זיך אלע יאהר צוזאמענגעפאהרען אויף א גרויסען יריד, קיין יאראסלאוו אדער קיין גראמניץ און האבען בעראטען די יודישע לאגע און אלע יודישע ענינים. זיי האבען אויך מתקן געווען ניצליכע תקנות און גזרות פאר דעם פאלק. דאס קאן מען אבער נישט אנרופען א גייסטיג צענטרום, ווייל דארט האבען נישט די רבנים אליין געהאט די גאנצע דעה, נאר אויך די רעגירערס, די ראשי הקהל און מען האט נישט עוסק געווען בלוים אין רבנ'ישע זאכען, נאר אויך אין פאליטישע און סאציאלע פראגען. דאס איז געווען א מין יודיש פארלאמענט בלוים פאר פיער פוילישע לענדער. אזוינע יודישע ועדים זענען אויך געווען אין פראנקרייך אין דעם 12-טען יאהרהונדערט. אבער אויך נישט פאר די רבנים פון די גאנצע וועלט.

אין אונזער צייט, וואו דאס יודישע פאלק האט זיך אויפגעחאפט צו א פריש לעבען און וויל ווידער אנהייבען איינפיהרען ביי זיך א נאטירליכע געזונטע לאגע, האבען אונזערע דענקער, יונגערע און עלטערע געלעהרנטע, באלד דערפיהלט, אז אונז פעהלט א גייסטיג צענטרום. ווי אזוי און אויף וועלכען אופן דאס צו גרינדען, דעריבער זענען נאך די דעות נישט פאראייניגט און וועלען נישט אזוי גיך זיך איינינגען. לעת עתה בלייבען מיר ביי די וכוחים וועגען פארשידענע פראיעקטען.

דערווייל אבער ווערד באשאפען פאר אונזערע אויגען א מין גייסטיגער מיטעלפונקט אויף גאר איין אנדערען אופן, וואס מיר האבען זיך איהם אם ווענינגסטען געקאנט פארשטעלען און דורך מיטגלידער פון אונזער פאלק, וואס מיר האבען זיי שוין געהאלטען פאר אבגעשלאגענע הושענות, פאר מענשען וואס מען קאן זיך שוין פון זיי גאר נישט דערווארטען. די ארטאדאקסע רבנים פאהרען זיך צוזאמען אויף א וועלט־קאנגרעס אין קראקא, אין די אלטע שטאדט פון תורה און פון רבנ'ישע אויטאריטעטען. זיי ווילען גרינדען א מין סינאד מיט א שטענדיג רבנים־קאמיטע, דורך וועלכעס אלע ארטאדאקסע

רבנים וועלען זיין פאראייניגט. די זאך איז נאך נישט קלאר. וואס עס וועט אויס דעם ווערען וועט ערשט דער קאנגרעס אליין בעשטימען. די פראגראמע, וואס די צייטונגען האבען אבגעדרוקט אים נאמען פון א פארברייטונגס־קאמיטע, זענען די רבנים נישט געפעלען. דאס פראגראם וועט ערשט דער קאנגרעס מאכען.

דער בעשאפער פון דעם רבנים־קאנגרעס איז הגאון ר׳ אהרן מענדל כהן, דער רב פון דער אשכנזישער יודישער געמיינדע אין קאירא (מצרים), א געבוירענער פון ירושלים, א יוד אין די פיערציגער יאהרען. ער ארבעט שוין אין דער זאך מעהר ווי צוויי יאהר. ער האט צעשיקט בראשורען און צירקולארע און האט די רבנים איינגעלאדען צום קאנגרעס. מען קאן פארשטעהן, אז די רבנים האבען דעם מענש תחלת בעטראכט פאר א משוגע׳נעם: ס׳טייטש, ווי קומט ער צו אזא זאך? אלע האבען צוגעקוקט דאס גרייטע, יעדער האט געוואלט זעהן וואס אנדערע זאגען. פון דעסטוועגען האבען אסך רבנים פון פארשידענע לענדער צוגעזאגט צו קומען. ווי דאס אויבען דערמאנטע פראגראם איז אבער אבגעדרוקט געווארען, וואו עס איז געשטאנען, אז דער קאנגרעס וועט בעהאנדלען פארשיעדענע ספקות אין דינים פון דער תורה און וועט איינפיהרען נייע נייטיגע תקנות און גזרות, — דא האט זיך געמאכט א רעש צווישען די רבנים און כמעט אלע זענען אויפגעטרעטען געגען דעם קאנגרעס. חסידים האבען פארשפרייט פלאטקעס, אז מען וויל מבטל זיין די תורה, מען וויל פארשידענע דינים אבשאפען, מען וויל חס־ושלום יודען מאכען פאר — ציוניסטען. דער קראקאווער רב איז אפילו נישט קיין פאנאטיקער, ער האט אבער מורא געהאט פאר חסידים, וואס ציטערען פאר יעדער נייע זאך, זיי קענען איהם נאך מאכען א מאוס׳ען שם. אין דעם פראגראם איז אויך געוועזען א פונקט, אז דעם צווייטען טאג פון דעם קאנגרעס וועלען זיך די רבנים פארזאמלען אין דער קראקאווער אלטען שוהל און מען וועט איינלאדען די העכסטע בעאמטען און די רבנים וועלען שווערען, אז די עלילת דם איז שקר. אט דאס איז אויך קיינעם נישט געפעלען. דאס הייסט זיך צופיעל אראבגעלאזט פאר די אנטיסעמיטען. ארענטליכע געבילדעטע מענשען גלויבען סאי ווי סאי נישט אן דעם און דער פעבעל וועט נישט וויסען און וועט נישט וועלען וויסען, אז די רבנים האבען געשווארען. דער קראקאווער רב האט דורך דעם געשריבען קיין קאירא, אז ער וויל נישט דעם קאנגרעס אין קראקא און אז ער זאל למען השם נישט קומען. אויך האט ער געשריבען פיעל רבנים, אז ער וועט זיך נישט בעטייליגען אן דעם קאנגרעס. דאס האט געמאכט א זעהר שלעכטען איינדרוק. אסך רבנים וואס האבען צוגעזאגט צו קומען, האבען זיך מונע געווען דערפון.

דער קאירער רב איז אבער נישט קיין איבערגעשראקען קינד. ער איז פארט געקומען קיין קראקא, כדי זיין אידעע אויסצופיהרען. ווי ער איז געקומען האט ער זיך געפונען גאנץ אליין, פארלאזען אין א פרעמד לאנד, קיינער האט נישט געוואלט וויסען פון איהם, דער רב האט איהם אבגעשאפט, די דינים האבען איהם אפילו קיין שלום נישט געגעבען. ערשט אין אפאר טאג איז דעם קאירער רב געראטען צו געווינען פאר זיך נישט נאר אלע חשוב׳ע בעלי־בתים, ציוניסטען, חסידים און פארטגעשריטענע, נאר אויך די פארשטעהער פון די יודישע געמיינדע און צום סוף אויך דעם רב, זיין גרעסטען מתנגד. ער איז זעהר א ליבער מענש און בעזיצט אונגעוועהנליכע ענערגיע, רעדט עטליכע שפראכען, זיין הערליך אויסזעהן, זיין קלוג אויפטרעטען און זיין ערנסט ארבייטען פאר׳ן כלל ציהען צו איהם צו אלע פארטייען און מען קאן זיך נישט איינהאלטען, מען זאל איהם נישט צוהעלפען, זיין אידעאל אויסצופיהרען. עס האט זיך באלד געגרינדעט אין קראקא א קאמיטע פון חשוב׳ע בעלי־בתים פון אלע פארטייען איהם מאראליש צו אונטערשטיצען מיט אלץ וואס איז נאר מעגליך, אזוי אויך די רבנים מקבל פנים צו זיין בכבוד. דער קולטוספארשטאנד האט ערלויבט איינצולאדען נאך אמאל די רבנים אויף זיין נאמען און ווי דער קאירער רב האט ערקלערט אין א צירקולאר. אז ער איז מבטל דאס פראגראם, וואס איז געוועזען געדרוקט אין די צייטונגען,

פעליעטאן.

די חברה „כלי־זמר".

די חברה כלי־זמר אינ׳ם שטעדטעלע ביעלינאווקע האט געהאט זעהר ניט קיין שיינעם „נאמען", און א שטעדטלשער בעל־הבית פלעגט צו זיי נאר אנקומען אין איין עת צרה, ד. ה. ווען ער פלעגט חתונה מאכען א טאכטער. איז אויך ניט צו אבי וועמען פון דער חברה, נאר צו לייזר דעם צימבלער—שוין א מענש אין די יאהרען מיט א ווייסליכער בארד, וואס האט איהם צוגעגעבען איין אויסזעהן פון א געזעצטען יודען... די איבעריגע פון דער חברה זענען אלע געוועזען יונגע־לייט און האבען זיך געפיהרט אזוי, אז די שטעדטלשע בעלי־בתים האבען מיט די שטרענגסטע אזהרות פארבאטען זייערע קינדער צו האבען מיט זיי חלילה א מגע ומשא. און די בעלי־בתים, קאן זיין, זענען געווען גערעכט: זיי, די כלי־זמר, האבען אלע געשטאמט פון זעהר געמיינע עלטערן. בערל דער ערשטער פידלער, למשל, א בחור פון א יאהר 20 אין א שווארצען הארטען קראגען, וואס האט שטאלץ אונטערגעשפארט זיין לאנגען גארגעל,—איז געוועזען יענקל דעם טשעסלער׳ס א זוהן און יענקל דער טשעסלער, ווייסט א מינדסט־קינד אין שטעדטל, בויט אלע הייזער און שלעפט די שווערע בריוסעס, ווי איין אמת׳ער גוי... אודאי איז דאס ניט קיין גרויסער יחוס... לויבע, דער צווייטער פידלער, א הויכער און א דארער בחור אין א בלאה העמדל, פארגארטעלט מיט א רויטען שנור, איז געוועזען חיים־לייב דעם שניידער׳ס א זוהן, און חיים־לייב דער שניידער, ווייסט א מינדסט קינד, אז ער נייהט קליידער אפילו פאר פראסטע גוים און שעמט זיך ניט אראב נעמען א מאס א שיקסע... גרונם באס איז געוועזען חנן דעם בעדער׳ס א זוהן, און חנן דער בעדער האלט שוין 20 יאהר די באד און ער האט שוין פארגעסען דעם טעם פון א שבת׳דיגער שלישי און פון א רעכטען פסוק פון אתה הראית...

אהרציק־קלארנעטיסט האט נעהאט א טאטען, וואס איז גאר מיאוס אויפ׳ן מויל ארויף צו ברענגען—איין ערדגרעבער און א מאמען—א וועשערין, וואס פלעגט זיך ניט שעמען שלעפען דעם גרויסען פאק גרעט סיי זומער, סיי ווינטער צום טייך און נאכדעם פארנאנדער טראגען עס די שיינע בעלי הבית׳טעס, וועלכע פלעגען אליין, פארשטעהט זיך, ניט וואשען קיין גרעט...

אויסער וואס די חברה כלי־זמר האבען געשטאמט פון אזוינע נידעריגע עלטערן, זענען זיי אליין געוועזען אהן א ברעקל שטאט און דרך־ארץ, האבען ניט געמאכט קיין חלוק פון עלטער ביז יונגער, פון ארים ביז רייך... זיי זענען געוועזען גרויסע עזות־פנימער, נבול־פה׳ניקעס, וואס אויפ׳ן לינג, דאס אויפ׳ן צינג, דערצו פלעגען זיי אין די קעריגע

האט שוין דער קראקאווער רב אויך מסכים געווען צום קאנגרעס און בעטייליגט זיך אן איהם. דאס זעלבע וועלען אויך טון אנדערע גרויסע רבנים.

מיר האבען, ווי איהר זעהט, גאר נישט מורא צו האבען פאר נייע דינים מיט נייע חומרות, ווארען דער קאנגרעס וועט גאר נישט שמועסען פון דינים. דער קאנגרעס האט אבער א געוואלדיגען מאראלישע ווערט פאר אונז. די קולטורנע ציוניסטען וועט אפשר נישט געפעלען, וואס די רבנים האבען זיך מקדים געווען צו גרינדען א גייסטיג צענטרום אין זייער זין. מיר מוזען אבער וויסען, אז די רבנים האבען נאך א געוויסען איינפלוס ביים פאלק און די פאראייניגונג פון רבנים פון די גאנצע וועלט וועט ביים פאלק דערוועקען דאס געפיהל פון אחדות פאר דעם גאנצען פאלק און זיי וועלען זיך לייכטער געוויהנען מיט דער נאציאנאלער אידעע. די רבנים פלעגען תמיד צו פרעדיגען אחדות און האבען צוגעזאגט, אז אן דעם ווענדט זיך די יודישע ישועה. כל זמן די רבנים האבען אבער נים זעלבסט געוויזען דעם וועג פון אחדות זענען זייערע ווערטער געווען ליידיגע מליצות; היינט אבער, אז די רבנים פון דער גאנצער וועלט פאראייניגען זיך, וועלען זיי זיין א גוט מוסטער פאר'ן פראסטען פאלק. היינט טאר מען נישט פארגעסען, אז אוים אזא פאראייניגונג קאן זיך מיט דער צייט ענטוויקלען א וויכטיגע אינסטיטוציע פאר'ן פאלק און פאר אונזער אמאליגע מדינה.

ל.

פאליטישע ענינים.

(אונרוהען אין בולגאריע, די סבות דערפון. פראנקרייך וועגען פאפסט. פראנקרייך, שפאניע און ענגלאנד.)

בולגאריע, וואס שוין מעהר ווי א יאהר, וואס די אייראפייאישע פאליטיק בעשעפטיגט זיך מיט איהר, און זוכט איינצושטילען די אונרוהען, וואס דארט קומען פאר וועגען די מאקעדאנישע בעוועגונג, איז די לעצטע צייט נאך אינטערעסאנטער געווארען פאר די פאליטיק און היינטיגעס מאל שוין נישט איבער דאס, וואס עס קומט פאר צווישען איהר און די טערקיי, נאר וואס עס קומט פאר אין בולגאריע אליין, וואס קומט פאר צווישען דעם פירשט און זיין פאלק.

די צייטונגען ברענגען ידיעות, אז די לאגע אין בולגאריע איז זעהר אונרוהיג, דאס פאלק איז שטארק אומצופרידען מיט זייער פירשט און ווילען איהם צווינגען ער זאל זיך אבזאגען פון דער מלוכה. דאס רוב אזוינע ידיעות, קומען אן אין צייטונגען, וואס דרוקען זיך אין די סערבישע הויפטשטאדט בעלגראד. ווי עס ווייזט אוים האבען זיך די סערבען אנגעהויבען שטארק צו שעמען מיט זייער לעצטער מעשה און עס ווילט זיך זיי זעהר, אז נאך איינע פון די קליינע מלוכות אויף דעם באלקאנישען האלב-אינזעל זאל אזוי טון ווי זיי, כדי איירא'פא זאל נישט אויף זיי אליין טייטען מיט פינגער און זיי אנרופען אונקולטווירטע מענשען. דעריבער האבען די סערבישע צייטונגען זיך בענוצט מיט דעם פאקט, וואס דער בולגארישער פירשט איז ארויסגעפאהרען פון זיין רעזידענץ סאפיא קיין קאבורג און אויסגעטראכט, אז דער פירשט אנטלויפט פון זיין לאנד, ווייל ער האט מורא מען זאל איהם נישט אראפ רייסען די קרוין פון קאפ. דער בולגארישער פירשט פאהרט נישט דאס ערשטע מאל אין קאבורג, ער פאהרט דארטען אלע יאהר צו בעזוכען זיינע קרובים און אויך אויף קבר אבות, ווייל זיינע עלטערן, זענען דארט בעהאלטען.

גאר אין חלום בלא דברים בטלים -- אין א חלום איז נישט אלץ וואהר, אבער אויך נישט אלץ ליגען, אמת, אז פירשט פערדינאנד איז נישט אנטלאפען פון זיין פאלק, אבער אין גאנצען אויסגעטראכט איז עס אויך נישט, אונצופרידען איז א קליינער טייל פון פאלק מיט זייער פירשט, ווייל זיי גלויבען עד היום נאך נישט, אז דער רוימיש קאטוילישער פירשט פון קאבורג איז געווארען איין אמת'ער גריכיש-קאטוילישער סלאוויאנין און קאן זיין איבערגעבען און געטריי דעם בולגארישען פאלק מיט דעם גאנצען הארצען, אפילו

צייט, ווי ספירה, דריי וואכען, ווען מען טאר נים שפיעלען קיין חתונות, זיך ארום שלעפען מיט מיידלעך הינטערן שטעדטל... פארשטעהט זיך, די מיידלעך זענען אויך נים געווען בעסער פון זיי און פון קיין שענערן יחוס האבען זיי אויך נים געשטאמט. יענקל דעם וואוכערניקס טאכטער, צי לויבע דעם נאמן'ס פון בקור חולים טאכטער, וועט מיט זיי אוראי נים ארומשפאציערען. איבערהויפט האט זיך די חברה כלי-זמר ארויסגעוויזען, ווי נים לייטיש זי איז, אויף א חתונה: זיי פלעגען שפאטען און חוזק מאכען פון די שענסטע בעלי-בתים, פון בעלי-בתישע זיהן און טעכטער, און גרונם באם האט גלאט ליב געהאט אויף יעדער חתונה זאגען דעם מחותן א שטאך ווארט, וואס דאס האט אויף כלי-זמר לשון געהייסען: אריינלאזען א שפילקע. פארשטעהט זיך, אז אזא יחום, אזא אויפפיהרונג האט שטארק אויפגערייצט די רוהיגע סטאטעטשנע קליינשטעדטלדיגע בעלי-בתים און נים אומזיסט האט קיינער מיט זיי נים געוואלט האבען קיין מגע ומשא...

בעקאנט און אפילו שטארק אויפגעטראגען מיט זיי, איז געווען נאר איינער פון שטעדטל. דאס איז געווען יאסל דער „שרייבער". מען דארף איהם נישט פארבייטען מיט דעם שרייבער פון „דומע", וואס איז אין שטעדטל אויך געווען א יוד, און איז געווען שטארק אנגענומען ביי די בעלי-בתים, אנגענומען אזוי, אז מען פלעגט פאר איהם אזש מורא האבען. יאסל דער שרייבער האט זיך נאר בעשעפטיגט מיט לעהרנען די שטעדטלדיגע מיידלעך שרייבען א יודישען בריוועל, א חשבון ביז כפל און אין די, הייזער, וואו די ציוויליזאציע האט שוין אריינגעשיינט, האט ער אויך געלעהרנט איין ארעם שרייבען.

ער אליין איז געווען כמעט פון איין יחום מיט די כלי-זמר; זיין מוטער איז געווען איין ארימע עגונה. זיין טאטע, א שניידער, האט נאך אין די ערשטע יאהרען, ווען דער פראסטער עולם האט אנגעהויבען פאהרען אין אמעריקא, זיך אהין אוועק געלאזט. לויט ווי מען דערציילט איז ער אין דער „דריטער אמעריקא" און האט דארט א דייטשקע גענומען און פון דעם ווייב און זיין קינד האט ער נים געוואלט הערען.

עס פארשטעהט זיך, אז יאסל האט קיין גרויסע געלד נים פארדיענט פון זיינע שטונדען, וואס ער האט געגעבען. דאס רוב האט ער געלעהרנט די ארימע מיידלעך און ער האט זיך קוים דורכגעלעבט מיט זיין ארימער מוטער.

ער איז געווען א הויכער און א דארער, מיט א לאנגליכער שמאלע נאז. זיינע שווארצע אויגען זענען איהם געווען טיעף אין שטערען אריינגעגראבען און פון דארט האבען זיי געקוקט טרויריג פארחלומ'ט און פארטראכט, ווי ביי איין אמת'ן פאעט.

און ער האט טאקי לידער געשריבען, אדער ווי אין שטעדטל

נאכדעם, ווי ער האט דעם טראנספאלגער באריס געלאזט טויפען אין דער גריכיש־ארטאדאקסער צערקווע.

דער חשד, אז א קאטאליק בלייבט טריי דעם קאטאליציזם אויך נאכדעם, ווען ער בייט איהר איבער אויף איין אנדערע האט זיך פארשטארקט איצט מעהר, אז מען זעהט, ווי הויך דער פארשטארבע־נער פאפסט לעא דער דרייצענטער האט געשטעלט דעם קאטאליציזם, אז אפילו פראנקרייך, וואס האט די לעצטע צייט שטארק גערודפ'ט די קאטוילישע גייסטליכע און האט זיי כמעט אלע שולען פארמאכט, האט געגען דעם מיניסטער־פרעזידענט קאמב'ס ווילען געלאזט מאכען דורך דעם ארכי־בישאף רישאר הזכרות נשמות דעם פאר־שטארבענעם פאפסט און ווי איינינע צייטונגען מעלדען איז דער פרעזידענט לובע געקומען הערען די הזכרה.

נאר ווי שטארק די קאטאליקען זענען, קענען זיי נישט צע־שטערען די פריינדשאפט, וואס איז געווארען נישט לאנג צווישען די אנגליקאנישע ענגלאנד און די קאטוילישע פראנקרייך, מיט וועלכע די קאטאליקען פון די אנדערע אייראפייאישע מדינות זענען נישט צופרידען.

און דער עיקר איז דערמיט נישט צופרידען די קאטוילישע שפאניע, וועלכע איז געבליבע גאר אליין אין די פראגע וועגען מאראקא.

און שפאניע האט פאר וואס נישט צופרידען צו זיין.

עס איז שוין מעהר קיין סוד נישט, אז איידער דער ענגלישער קעניג עדוארד איז געפאהרען קיין פאריז, און ענגלאנד מיט פראנק־רייך זענען זיך געוועזן שונאים וועגען פיעל פאליטישע פראגען און צווישען זיי אויך די פראגע וועגען מאראקא, האט פראנקרייך בסוד געשלאסען א טראקטאט מיט שפאניע געגען ענגלאנד. נאר נאכדעם, אז עדוארד דער זיבענטער איז געוועזען אין פאריז און לובע דער פראנצויזישער פרעזידענט אין לאנדאן, איז די מאראקאנישע פראגע פארענפערט געווארען בדרך שלום און שפאניע איז געבליבען אליין.

נאר קעניג עדוארד, וועלכער איז בכלל א רודף שלום, וויל די קאטויליקען נישט מרגז זיין און האט דעריבער בעזוכט די אירלאנדישע שטאדט דובלין, וואס איהרע איינוואהנער, ווי אלע אנדערע אירלענדער, זענען קאטויליקען און די אירלענדער האבען בעוויזען זייער קעניג ליבע און טרייהייט.

צווישען צייטונגען און זשורנאלען.

וואס פאר א סדרה געהט? — סע געהט סדרה "אינטערוויוען". ביי אונז יודען איז שוין אזוי. טוט איינער — טוען אלע, און באלד ווערד עס א סדרה און סע געהט. אט איז געגאנגען סדרה "מחאות" (פראטעסטען), אט איז געגאנגען סדרה "אוסישקין מיט די יתומים" און אט הייבט אן צו געהן סדרה "אינטערוויוען". זאגט איינער וואס ער זאגט, לעגט זיך איין שעפעלע אין קימפעט אריין — וילדו כל הצאן נקדים, האבען אלע שאף שפרענקעלדיגע. די מעשה איז גאר א פשוט'ע געוועזן. פאר עטליכע וואכען איז איינער, א קארעספאנדענט פון א צייטונג, געפאלען אויף די המצאה, אריין צו געהן אין וויען צו דעם דאקטאר הערצל, כדי צו האבען ביי איהם איין "אינטערוויו" — דאס הייסט אויף יודיש, כדי ביי איהם א טאפ צו געבען אין וואנגען און איהם אויסצוקוועטשען און אויסצופארשען און אויסצוהארכען, וואס וועט ער עפים זאגען וועגען אחד־העם'ען. איצט א איז געפאלען א צווייטער קארעספאנדענט פון א צווייטער צייטונג אויף די צווייטע המצאה, אריין צו געהן אין אדעס צו אחד־העמ'ען און צו האבען ביי איהם איין "אינטערוויו" — דאס הייסט אויף יודיש, צו געבען ביי איהם א טאפ אין וואנגען און איהם אויסצוקוועטשען און אויסצו־פארשען און אויסצוהארכען, וואס וועט ער עפים זאגען וועגען זיינע טייערע חברים הערצל מיט נארדוי צוזאמען. און פארשטעהט מען, אז איך בין גאר נישט זיכער, אז אין עטליכע טעג שפעטער וועלען מיר נישט געפינען אין צייטונגען דאס נייעס, אז א דריטער

האט עס געהייסען: ער מאכט ליעדער און דאס האט איהם די בעלי־בתים אין די אויגען נאך מאוס'ער געמאכט.

— עס איז א ווילדע בריאה! האבען זיי וועגען איהם גערעדט. דערפאר אבער האבען די נייטארינס, שניידערינס און דיענסט־מיידלעך שטארק געהאלטען פון זיינע ליעדער און פלעגען זיי ביי דער ארבייט שטענדיג זינגען, צומאכענדיג איינעגע טרויעריגע מעלאדיען... שטארק בעוואוסט און בעריהמט איז געוועזען ביי זיי דאס ליעד פון דער ליבע, וועלכע זיי פלעגען זינגען מיט גרוים געפיהל. דאס ליעד האט זיך אנגעהויבען אזוי...

איך וועל געהן א קוק טון
וואס מיין ליבסטע מאכט
אין דער לאנגער, שווארצער,
וויסטער ווינטער־נאכט.

פארשפרייטען זיינע ליעדער צווישען די מיידלעך פלעגען די "כלי־זמר", וועלכע ער פלעגט יעדעם ליעד גלייך טראגען און פארלעזען, ווערענדיג דערביי דא רויט, דא בלאס פון איפרעגונג, וואס וועלען "זיי" זאגען דערויף. די כלי־זמר זענען געוועזן גוטע קריטיקער, פאעזיע האבען זיי זעהר ליב געהאט, זיי זענען געוועזן שטארק בעלעזען אין דער יודישער ליעדער־ליטעראטור. מיכל גארדאן, גאלדפאדען, בערנ־שטיין און אנדערע האבען זיי געוואוסט אויף אויסענווייניג און די מע־לאדיען פלעגען זיי שפיעלען אויף זייערע אינסטרומענטען. די חברה האט שטארק געהאלטען פון יאסל'ס טאלענט און זיי פלעגען איהם זאגען, אז מיט דער צייט וועט פון איהם ארויסוואכסען א גרויסער לייט.

און יאסלס הארץ פלעגט פאר שמחה אנהייבען קלאפען, זיינע באקען פלעגען בלייך ווערען, די אויגען פייכט און מיט א ציטערינע קול פלעגט ער זיך ווענדען צום ערשטען פידלער:

— בערל, שפיעלט עפים!

בערל פלעגט א שמייכעל טון; יאסל'ס קוק איז אבער געוועזן אזוי דורכגעדרונגען מיט בקשה, אז בערל פלעגט ערנסט ווערען, א־ראבנעמען די פידעל פון וואנט, אנשטעלען זיא און פרעגען:

— וואס זאל איך דיר שפיעלען, יאסל? וואס ווילסטו?

— איך וויל — פלעגט יאסל ענפערן גערירט פון בערל'ס גוטסקייט, איך וויל עפים איין אומעטיגע זאך, אויף דער גראבער סטרונע: טהי־טהי... טהי... איהר ווייסט דאך וואס איך מיין.

— אויף דער גראבער סטרונע?... טהי־טהי־טהי?... וואס מיינט ער דאס אזוינס? פלעגט זיך בערל פארטראכטען זוכענדיג דעם ניגון אויפ'ן באלקען.

קארעספאנדענט פון א דריטע צייטונג איז געפאלען אויף די דריטע המצאה, זיך צו נעמען צו דער וויכטיגער און דאנקבארער און זעהר לייכטער ארבייט, ארום צו פאהרען פון שטאדט צו שטאדט און צו האבען איין אינטערוויו סך הכל ביי אט יענע עטליכע טויזענט יודען קיין עין הרע. וועלכע האבען געשריבען פראטעכטען נאך דער מעשה מיט אחד-העמ'ען און נארדוי-הערצל, כדי יעדען בעזונדער פון זיי אויסצוקוועטשען און אויסצוטאפען און אויסצובדק'ענען, וואס וועט ער עפים זאגען און ווי זענען זיינע פילאזאפישע השקפות און וואס זענען געווען זיינע טיעפע טעמים ביי דעם פראטעסט-שרייבען. איך בין מובטח, אז דער טאפ אין די עטליכע טויזענט וואגענס פון די עטליכע טויזענט פראטעסט-מאכ'זרס וועט נישט ברענגען ווענינער נוצען לטובת הכלל, ווי דער טאפ אינ'ם וויענער און אינ'ם אדעסער וואגען. עלעהיי זאל דער עולם וויסען וואס עס טוט זיך ביי יענעם אין טעפל, אדער וואס עס פאסט יענעם אקוראט דער וועלט מודיע צו זיין.

דערווייל האבען מיר פאר אונז דעם „טאפ אין וואגען — אויף גוי'עש הייסט עס: אינטערוויו — נומער 2. א הער מ לעווין דערצייהלט אונז אין „וואסחאד" נומער 28 זיין אינטערוויו ביי אחד-העמ'ען.

מילא וואס דער דאזיגער הער האט נעביך פאר א צרות געהאט, ביז ער איז געקומען צו דער דאזיגער זכיה. דאס זאל זיך נישט טרעפען אין קיין שום יודישער שטוב. אחד-העם איז נישט אין אדעס געווען — און דא געה האב איין אינטערוויו מיט איינעם שלא בפניו! נאר גאט איז דאך איין אל רחום וחנון, דא האט ער געמאכט, אז אחד-העם זאל זיך אומקעהרען קיין אדעס, און „זאפארט" האט זיך צו איהם דער דאזיגער הער אריין געחאפט און האט איהם אנגעהויבען אויסצוקוועטשען. א קלייניגקייט! די וועלט ווארט און מע דארף וויסען, ווי געהט אחד-העם און ווי שטעהט ער און ווי זיצט ער און ווי קוקט ע'ר נאך דער מעשה מיט נארדוי.

אינטערוויוען בכלל האבען עטוואס אין זיך וואס סע שמעקט מיט לעכערליכקייט. ממה נפשך, איז דער קארעספאנדענט א קלוגער און דער „בעריהמטער" איז נארישער פאר איהם, טא הערט זיך פונ'ם קארעספאנדענט ארויס אזוי ווי א בעהאלטען געלעכטערל און עס דאכט זיך אלץ, אז ער מאכט חוזק פון דעם „גרויסען" אדער פונ'ם פובליקום אין גאנצען; איז אבער דער קארעספאנדענט דער נאר און דער חלק שני איז קלוגער פאר איהם, דא פארשטעהט מען דאך, אז ער ענטפערט איהם אזעלכע תשובות, וועלכע זענען עקסטרא געמאכט און ווי צוגעמאסטען פאר איהם און פאר זיין שכל. אי וואס, עס זאל זיך גראד טרעפען א נס, אז ביידע זאלען זיין חכמים, אדער ביידע זאלען זיין עפים נישט אזוי קלוג — זעהט איהר אין דעם דווקא האב איך ביז היינט נאך גאר נישט אריין געקלעהרט. איך קאן מיר גאנץ גוט פארשטעלען ווי עס האט אויסגעזעהן נאפאלעאן דער ערשטער און וואס פאר א פנים ער האט געמאכט, בשעת עס איז צו איהם גע-קומען עפים א מין בלייערנער פויגעל פון א רעדאקציע און האט געפרובט פון איהם עפים ארויסצובדק'ענען; און אויך קאן איך מיר גאנץ גוט פארשטעלען, וואס פאר א בעהאלטען געלעכטערל עס האט געמוזט ליגען אויף די צוזאמענגעדריקטע ליפען פון א מין קארעספאנדענט ווי למשל בלאוויץ, בשעת ער האט עס געדארפט צו דער מלאכה און ער האט זיך געחאפט צו עפים א מין בעריהמטען „חכם", ווי למשל א בורישען גענעראל אדער א יודישען דיפלא-מאטישען לייטארטיקעל שרייבער, כדי זיך מיט איהם אין א שמועס אריין צו לאזען. וואס מיר, דאס פובליקום, קענען פון די דאזיגע ביידע מינים אינטערוויוען האבען, דאס זאל בלייבען נאך מיינע שונאים'ס טויט.

דעם אמת געזאגט, איך, וואס האב געהאלטען זייט אייביג אן פון אחד-העם איין עולם ומלואו, איך, וואס די אנזיכטען און די פילאזאפיעס פון אחד-העם זענען ביי מיר קיינמאל נישט געווען דער עיקר און נאר די עהרליכקייט און דער פרייער כאראקטער און די שטילע פיינקייט און די נישט געמאכטע עניוות פון איהם זענען ביי

— ער מיינט דעם וואלאך! פלענט אהרציק דער קלארנעטיסט ערקלערען.

— ער ׳ ׳ ניט קיין נאר, ער ווייסט וואס גוט איז! פלעגט דער ערשטער פידלער גוט-הערציג שמייכלען.

— ער איז א מבין אויף מוזיקע: פלעגט אהרציק לאכען און א קלאפ געבען יאסלען איבערן פלייצע.

און די גאנצע חברה כלי-זמר, וועלכע פלעגט זיך ביין ערשטען פידלער פארזאמלען, אויסער דער עלטערער צימבלער, פלעגען אנ-הייבען שפיעלען, געבען קאנצערט פאר דעם איינציגען מבין אין שטעדטל — פאר יאסל דעם שרייבער...

יאסל פלעגט ארייגלאזען די אויגען זיינע אין בערל'ס פי-דעל, פון וואנען עס האבען זיך גענאסען ריהרענדע ווייכע טענער, תחנונים ובקשות... ער פלעגט קוקען אין די שפאלטען פון פידעל אזוי ווי ער וואלט וועלען זעהן, צי זיצט דארטען ניט עפים א מענש און וויינט אזוי זיס...

אז די חברה פלעגט אבשפיעלען, פלעגט יאסל ווערען בע-גייסטערט, פלעגט אויסשטעלען ווי פארוואונדערט די אויגען, פאר-טראכטען זיך און א קנייטשענדיג זיין שטערן, ווי ער פלעגט זיך עפים דערמאנען, פלעגט ער מיט פייער אויסשיסען:

— הערט ברידער, לאכט זיך אויס פון זיי! פאלגט מיך לאכט זיך אויס!...

— פון וועמען? פרעגען די כלי-זמר.

— אט פון אלע בעלי-בתים, אט פון אלע יחסנים, אט פון אלע רייכע! פון דאס גאנצע שטעדטל!... איך וועל נישט בייטען אייער נאגעל אויף זיי אין גאנצען, דאס זענען גאר קיין מענשען ניט! גאר קיין מענשען ניט!! פלעגט ער שוין העבער שרייען—דאס זענען חיות, מאוסע חיות!... אוי, האב איך זיי פיינט! טפו!

די חברה כלי-זמר נאך אזא „דרשה" שמייכלען צופרידען און אהרציק קלארנעטיסט, ווערד צעקאכט אויך גלייך מיט יאסלען, גיט א קלאפ איבערן טיש און שרייט אויס:

— ווי איך בין א כלי-זמר — ער איז גערעכט! יאסל! דו ביזט איינער אין שטעדטל... זיי זענען אלע ווילדע פראים, בהמות! יאלדעס!...

— ווער בעשטעהט אן זיי? רופען זיך אן די איבעריגע פון דער חברה...

— ניין! עס ברענט מיר ווי א פייער, שרייט אויס יאסל — מענשען זאלען ניט האבען קיין ברעקל געפיהל אין קיין זאך. א כלי-זמר זאל ביי זיי זיין טרייף! — פאר וואס, פאר ווען?... וואס ווילען

מיר געשטאנען הויך ווי דער הימעל, אז איך האב זיי געוואלט אלעמאל פאר א מוסטער אוועקשטעלען פאר אלעמען, — איך האב אנגעהויבען אין די לעצטע צייט, זייט ער האט אנגעהויבען צו זיין „מענשליך" ווי אלע מענשען און זיך צו בייזערען ווי אלע מענשען און רעדען פון זיך אליין ווי אלע מענשען, צו קוקען אויף איהם מיט אנדערע אויגען, און עס טוט מיר וועה אין הארצען צו זעהן ווי זיין בילד אין מיין אייגענער פאנטאזיע זינקט און זינקט. זיינע לעצטע מאמרים איבער זיך און זיין „אינטערוויו" — איך וואלט א שטיק לעבען אוועק געבען, אז ער וואלט זיי נישט האבען געשריבען און אז ער וואלט זיך נישט האבען געלאזט הערען. ער ווערד אין כעס גלייך מיט אלעמען, ער איז מקפיד אויף זיין כבוד גלייך ווי יעדער בשר ודם, ער טענה'עט גלייך ווי טויזענט אנדערע פון דער בעקאנטער חברה, אז ער מיינט כלומר'שט נישט זיך נאר דעם כלל, ער בענוצט זיך מיט דער דאזיגער אבגענוצטער פראזע ווי הונדערט אנדערע קהל'ס־מענשען — היינט וואס בלייבט מיר נאך פון איהם? זיינע „אידעען"? — איך בין קיינמאל נישט געוועזען קיין חסיד פון סודות, וואס מען קאן זיי נישט מיט קלארע ווערטער ערקלערען, מען קאן נישט זאגען כזה ראה וקדש, דאס און דאס רעד איך צו דיר, און נאר. מען פארדרעהט די אויגען און מען הימעלט זיך. — איך קאן איהם נישט מוחל זיין, וואס ער האט מיר איינעם פון מיינע שענסטע חלומות צעשטערט.

ווי ווייט נארדוי איז געוועזען אומגערעכט קעגען איהם אין דעם אופן ווי ער האט איבער איהם געשריבען, דאס ווייסט יעדער, וועלכער האט די פאלעמיקא אונפארטייאיש געלייענט. איך בין געוועזען איינער פון די ערשטע, וועלכער איז אויפגעטרעטען קעגען יענעם סטיל און יענע בעהאנדלונג. אז דאס איז נישט שען און אויך נישט עהרליך געוועזען, דאס זעהען מיר איצט ארויס אויך פון א בריוול, וועלכעס נארדוי האט געשריבען פאר עטליכע יאהר צו אחד־העמ'ען. דאס דאזיגע בריוול איז יעדענפאלס דאס אינטערעסאנטעסטע. וועלכעס מיר געפינען אין דעם גאנצען אינטערוויו.

דער הער מ. לעווין אין זיין אינטערוויו דערצייהלט, וואס אחד־העם האט איהם געזאגט:

„אט האט ד"ר נארדוי, למשל, דא נישט לאנג געשריבען, אז נאר דער ציוניזם האט מיך ערשט פאר 2—3 יאהר אין די עפענטליכקייט ארויס געשלעפט; פריהער האב איך „געפלויערט" אין עפיס א בעהאלטען ווינקעלע, און קיינער האט זיך דערויף נישט אומגעקוקט. ווילט איהר וויסען וויפיעל אמת עס איז דארין? אט לייענט".

און אחד־העם האט איהם געגעבען א בריוול צו לייענען, וועלכעס ער האט דערהאלטען פון נארדוי נאך דעם צווייטען קאנגרעס. אין דעם בריוול, וועלכעס איז געשריבען אויס פאריז, דעם 8־טען נאוועמבער 1898, לעזען מיר:

„הער ל. אוים א. וועט אייך דערצייהלען ווי אייפריג איך האב אייך געזוכט אין באזעל. אייער נישט דארט זיין האט זיך זעהר ארויסגעפיהלט אי פאר מיר אי פאר פיעל אנדערע. איהר זענט איינער פון די וויכטיגסטע ערציהערס פון אונזער פאלק, און עס וואלט זיין פון גרויס נוצען, ווען צווישען אייך און אונז זאל נישט פארהאנען זיין קיין שום „מיספארשטענדניס" וועלכעס קאן שטערען און פאראליזירען".

וואס קאן, למשל, זאגען נארדוי איצט, נאך זיין בעקאנטען ארטיקעל איבער אחד־העם, אז מען זאל איהם ווייזען זיין אייגען בריוול, וועלכעס ער האט צו יענעם געשריבען פאר פינף יאהר?...

אוי „עהרליכקייט", דיין נאמען איז זשורנאליזם!

און אחד־העם איז מוסיף:

„דאפון קאנט איהר זעהען ווי ד"ר נארדוי האט זיך געהאלטען צו מיר פאר 5 יאהר, נישט קוקענדיג דארויף וואס ער, ווי איהר זעהט פון זיין בריף, האט אליין מורה געוועזען, אז איך האלט מיך ווי א נעגנער צו עטליכע זייטען פון דעם פאליטישען ציוניזם".

דאס בריוול רעדט אליין פאר זיך. אך, ווען אחד־העם וואלט

זיי פון אייך, פרעג איך, וואס ווילען זיי? ווען ניט איהר וואלט דאך אין שטעדטל איין אומעט געוועזען.

— לאמיר איהם נאך עפיס שפיעלען! פלעגט אהרציק קלארנעטיסט שמייכלען, קלאפענדיג יאסלען איבער'ן פלייצע — ער איז ווערט, ער פארשטעהט מוזיק.

— ווייל ער שרייבט ליעדער, פארשטעהט ער מוזיקע — ערקלערט ערנסט בערל פידלער. מוזיקע און פאעזיע איז אלץ איינס — דאס איז טענער און יענס איז ווערטער. דער וואס איז אבער א מבין, יענער הערט אין פידעל אויך ווערטער. דאס פיעדעלע רעדט...

— אוי, אמת! חאפט זיך יאסל אן. ביי אייך בעט זיך עפיס די פידעל: האט רחמנות, וויינט זי...

די כלי־זמר לאכען און הייבען אן שפיעלען נאך אזאך איין אומעטיגע, א ריהרענדע. יאסל לאזט אראב דעם קאפ און הערט מיט גרויס נעפיהל און אז די חברה ענדיגט קאן ער זיך ווידער נישט איינהאלטען און שרייט אוים.

— פאלגט מיר, ברידער, לאכט זיך אוים פון זיי — איהר האט נשמות און זיי ניט...

און יאסל בלייבט שוין ביי די כלי־זמר ביז שפעט אין דער נאכט, די חברה לעגט זיך צונויף און מען שיקט נאך אביסל בראנפען און מען פארבייסט מיט שווארץ ברויט מיט זאלץ... נעמענדיג אביסל בראנפען, נאר צו די ליפען, ווערד יאסל מוטיגער און דרייסטער צו טון דאס וואס עס ווילט זיך איהם די גאנצע צייט, זיצענדיג ביי די כלי־זמר. ער נעמט יעדען ארום מיט גרויס ליבשאפט און קושט יעדערן שטארק, שטארק... די חברה פיהלט איהם מיט, פארשטעהט איהם, און עס ווערד ביי זיי איין אמת'ע ברידערשאפט, אהן קנאה, אהן שנאה, אהן רכילות און לשון הרע און ווען די שטעדטלשע בעלי בתים וואלטען עס צוגעזעהן, וואלטען זיי זיך ווער ווייסט, אפשר פארטראכט און ארויסגערעדט:

— וואס וויל מען פון זיי טאקי האבען? גאנץ וואהלע מענשען, די חברה כלי־זמר, מיט יאסל שרייבער!... גאנץ גוטע, גאנץ עהרליכע מענשען...

נאר די בעלי־בתים שלאפען שוין לאנג...

אברהם רייזען.

נאר האבען געשוויגען! וואלט נישט טויזענט מאל בעסער זיין, ווען אחד־העם וואלט די דאזיגע עטליכע שורות אליין נאר אבגעדרוקט אין צייטונגען און וואלט ווייטער נישט קיין ווארט רעדען און וואלט זיך נישט ארייגלאזען אין אלע יענע פריוואט־מאמרים און אין אינטערוויועס?... איך קאן איהם נישט מוחל זיין, דאס ער האט מיר איינעם פון מיינע שענסטע חלומות צעשטערט.

האט גאט בעשאפען א צרה, האט ער דאנגעגען בעשאפען א נחמה.

אין דעם „הזמן" (נו' 53) געפינען מיר א מאמר, און דוקא פון דעמזעלבען אחד־העם און דוקא פונ׳ם אלטען אחד־העם! עס איז דער ליטעראַרישער אחד־העם, נישט דער פערזענליכער, וועלכער רעדט פון זיך. יעדעס ווארט איז א קויל. די רעדע איז פון די קישינובער יתומים.

מילא אויב עס איז פארהאנען יתומים פון די קישינובער הרוגים, דאס ווייסט דער עולם נאך נישט. מילא, ווען עס איז יא פארהאנען, אויב די מוטערס אדער די קרובים ווילען זיי אוועק געבען אויף די הענט פון דער דאזיגער אם, וועלכע הייסט קהל, דאס ווייסט דער עולם אויך נאך נישט. אבער דאס אלעס שאדט נישט. דערווייל זענען דא מתעסקים און זיי זענען זיך מתעסק; מען קלאפט מיט די פושקעס, מען נעמט צונויף נדבות, מען מאכט א טאראראם און עס קלינגט אין די צייטונגען. גליקליכע יתומים! א סך טאטעס פון פאמיליעס וואלטען זיך ווינשען צו זיין די דאזיגע יתומים. א יוד א פראסטער, א טאטע פון צוועלף קינדערלעך מיט א קראנק ווייב, וואס ער ווייסט נישט ווי א מוציא זעהט אויס און וואס זיין פאטער איז פאר עטליכע פערציג יאהר גלאט אזוי געהרג׳עט געווארען, האט מיר געזאגט, אז עס וואלט זיין כדאי דאס זיין פאטער וואלט געהרג׳עט ווערען ערשט אין קישינוב. גליקליכע יתומים! אבער מיר קענען דאס דאזיגע גליק — און אויך דעם סוף דערפון. דער יתום שטעהט ביים קבר און זאגט דעם ערשטען קדיש. דער מאמענט איז א מאמענט פון ווייכקייט. ווייבער וויינען. איינער קומט צו און רוקט דעם יתום גלייך דאס פארקרומטע היטעלע. א יודענע קומט און גיט איהם א לעקעכל. דער פעטער קומט און וויל איהם מיטנעמען שלאפען ביי זיך. א קלייניקייט, א יתום! אבער נאך אכט טעג, נאך צוויי וואכען געהט דער יתום ארום אין קריעה־בליה און פאלט פון די פיס פאר הונגער. וואו זענען דאן די רחמנים?... ביי די יתומים פון קישינוב מאכט זיך נאך אין דעם מאמענט פון דער ווייכקייט, פון דער התלהבות, אז חוץ די אלגעמיין־מענשליכע געפיהלע איז נאך פארהאנען אויך איין אנדערע זאך, עפיס א מין נאציאנאל־געפיהל, א „רעיון"... מען וועט פון די יתומים מאכען פויערען אין ארץ־ישראל!

קאן מען פויערען איבערהויפט „מאכען"? און וועלען גראד די דאזיגע קינדער פעהיג זיין דערצו? און ברויכט מען נישט א האלבען מיליאן פראנק באלד אין אנהויב פון דער דאזיגער אפעראציע? און ברויכט מען נישט דאן נאך א האלבען מיליאן כדי עס אויסצופיהרען?— אבער עס שאדט נישט: דער „רעיון" איז א שענער!

און אחד־העם ווייזט אין זיין ארטיקעל, וואס האט זיך אויסגעלאזען פון א סך אנדערע אזאלכע שענע „רעיונות"! אבער ביי יענע רעיונות ווייסען מיר נישט, ווער דער שולדיגער איז געוועזען. דאס הייסט, מיר ווייסען יא — נאר ווייל אלע זענען שולדיג געוועזען, דעריבער האט זיך קיינער נישט געפיהלט שולדיג.

„אבער דאס מאל — זאגט אחד העם — ווייסען מיר ווער עס האט דעם בראנד־פאקעל אריין געווארפען אין דער מחנה, ווער עס האט דעם דאזיגען שענעם רעיון אויסגעקלערט און ווער די מתעסקים זענען ביים אנהויב פון דעם „בנין", טא זאלען זיך נישט די דאזיגע „בויערס" איינרעדען, אז זיי וועלען זיך קאנען ארויס מאכען פונ׳ם שטויב און א מאל ארויף ווארפען די גרויסע אחריות אויף „אלע". ניין, — דאס מאל וועלען מיר גוט נעדענקען די נעמען פון די וועלכע האבען מתחיל געוועזען אין דער מצוה, און מיר ווילען שרייען צו זיי: קאנטשעט! מיר מענען און מיר זענען מחויב דאס דאזיגע מיט די גאנצע קראפט פון זיי פארלאנגען. קאנען זיי די אחריות, וועלכע סע איז פארהאנדען ביי דער זאך, טא זאלען זיי האבען דעם מוט מכריז ומודיע צו זיין בזה הלשון: „מיר, וואס שטעהען אונטען נעחתמ׳עט, די איינגעטימערס פון דעם שענעם רעיון, זענען מקבל אויף זיך, מיר זאלען זיך אויך משתדל זיין אונזער רעיון אויסצופיהרען ביז צום סוף; מיר זענען זיך מתחייב פאר די טויטע טאטעס און פאר׳ן גאנצען פאלק, צו זיין משגיחים אויף דעם ענין און זיין לאסט און זיינע אחריות צו טראגען אויף זיך די גאנצע עטליכע יאהר, דאס געלד אויפצוקלויבען א. ז. וו., ביז די יתומים וועלען זיין דערוואכסען און וועלען ווערען זעלבשטענדיג און וועלען נישט מעהר בעדארפען קהל׳שע הילף. און ווען עס וועט נישט געראטען, וועלען מיר זיין פאראנטווארטליך און מיר וועלען אבגעבען דין וחשבון פון אלעס, פון אנפאנג ביז צום סוף". מיט דעם לשון דארפען זיי רעדען"...

דער ארטיקעל פון אחד־העם מאכט א טיעפען איינדרוק. וועט ער אבער מאכען איין איינדרוק דארט וואו מען דארף?...

לעסטאר.

נייעס פון דער וואך.

I. וועלט נייעס.

— דעם ערשטען אויגוסט האבען זיך אין רוים צוזאמענגענומען 62 קארדינאלען אין קאנקלאוו אויסצוקלויבען א נייעם פאפסט. מיט די 62 קארדינאלען זענען געוועזען אין קאנקלאוו 40 ערצבישאפס און אויך דיענער און אנדערע פערשוינען, צוזאמען 365 מענשען. די גייסטליכע קומען זיך צוזאמען צוויי מאל אין טאג פאר־ און נאכמיטאג. יעדע זיצונג געדויערט צוויי שעה. פאר די גאנצע צייט וואס די קארדינאלען קומען זיך צוזאמען האט דער קאמערלינג, ארעלי („קאמערלינג" הייסט דער קארדינאל, וואס פארטרעט דעם פאפסטס שטעלע פון דעם טאג, וואס דער פאפסט שטארבט ביז עס ווערד אויסגעקליבען א נייער פאפסט) אבגעריסען די טעלעפאנישע פארבינדונג צווישען וואטיקאן און רוים.

— די איינוואהנער פון דעם איטאליענישען שטעדטל, וואו דער קארדינאל וואנוטעלי דזשענאצאנא איז געבוירען געווארען, האבען אלע טאג מתפלל געוועזען, אז א פאפסט זאל אויסגעקליבען ווערען זייער בן עיר.

*** דיענסטאג 4־טען אויגוסט פארמיטאג איז אין רוים אויסגעקליבען געווארען א נייער פאפסט, דאס איז דער געוועזענער קארדינאל יאזעף סארטא, דער פאטריארך פון ווענעציא. ער האט איצט אנגענומען דעם נאמען פיאוס דער צעהנטער. מען לויבט איהם,

אז ער איז זעהר א גוטער און ליבער מענש, אבער קיין פאליטיקער נישט, ער וועט זיך אין פאליטיק גאר נישט אריין מישען, נאר זארגען פאר די רעליגיאן און דעריבער וועט ער זיין געגען פראנקרייך, וואס רודפ'ט די מאניכען און מען האפט, אז אייך געגען די אנטיסעמיטען. אויף איהם האט זיך קיינער ניט געריכט, ער האט פריהער גאר קיין האפנונג נישט געהאט פאסםט צו ווערען. זעכס מאל האט די וואהל נישט געפיהרט צו קיין סוף, ערשט ביים זיבעטען מאל האט קארדינאל סארטא בעקומען מעהר ווי 2 דריטעל דעות.

— ווי די ווארשעווער צייטונגען שרייבען האט די לעצטע איבערשווימונג אנגעמאכט שאדען אויף די באהן־ליניעס ביין ווייכסעל, ווארשא־וויענער און קאלישער איבער 300,000 רובל.

— די בלעטער שרייבען, אז דער ניגוס (קעניג) פון אבעסיניע (אפריקא) איז געפעהרליך קראנק, די דאקטוירים האבען איהם אפגעזאגט.

— דער קעניג פיאטער פון סערביע האט בעפוילען, אז מען זאל איבערגעבען דעם געריכט, אלע אפיצירען, וועלכע דערלאזען עפענטליכע סטראשונקעס אויף דאס הויז קאראגעארגעוויטש. — אויך האט דער קעניג פיאטער בעקאנט געמאכט, אז ער נעמט נישט אן קיין מתנות. ביז היינט האט מען איהם זעהר פיעל מתנות צוגעשיקט.

— דאס מיניסטעריום פאר פאלקס־בילדונג אין רוסלאנד האט ארויסגעגעבען נייע געזעצע, לויט וועלכע עס וועט גרינגער זיין צו עפענען פאלקס־ביבליאטהעקען אויף אומזיסט צו לייענען.

— אין חינא הערשט א שרעקליכער הונגער, די רעגירונג האט געהייסען מען זאל קעפען 1500 ארעסטאנטען נישט ווייל זיי פארדיענען אזא שטראף, נאר ווייל מען האט זיי נישט וואס צו געבען עסען.

— דאס מיניסטעריום פאר לאנד־ווירטשאפט אין רוסלאנד האט בעשלאסען, צו פארברייטערן וואס מעהר די הויז־פאבריקאציע אין פוילען און אין די צפונית מערבית'דיגע געגענד.

— ווי די רוסישע צייטונגען שרייבען האט מען בעשטעטינט צו בעלייכטען אלע פאסאזשיר־ציגע מיט עלעקטרישע בעלייכטונג.

— דער רוסישער קייזער האט געשאנקען 200,000 פאר די וואס האבען געליטען פון דער איבערשווימונג, אין פוילען.

די „פראווית. וויעסטניק" שרייבט, אז דעם 16 יולי האבען די ארבייטער ביי דער סטאנציע מיכאילאווא אויף דער קאווקאזער באהן איינגעשטעלט דאס ארבייטען און האבען געמאכט אונרוהען און אפגעשטעלט דעם פראכט־צוג און פאסאזשיר ציגע. עס זענען אנגעקומען פאליציי און מיליטער, מען האט זיי צוערשט געווארענט מיט גוטען, נאר עס האט נישט געהאלפען, דאס מיליטער האט זיך געפרואווט סטראשען מיט געוועהר, אבער דאס האט אויך נישט געווירקט, די ארבייטער האבען פארווארפען די מיליטער מיט שטיינער און אויסגעשאסען מיט רעוואלווערען און דעריבער איז די נאטשאלסטווא געצוואונגען געוועזען צו שיעסען אויף דעם המון, דורך וואס 10 ארבייטער זענען געפאלען טויט און 18 פערוואונדעט, ערשט דענסטמאל האבען זיך די ארבייטער בערוהיגט און די ציגע האבען אנגעהויבען ווידער געהן.

II. יודישע נייעס.

רוסלאנד. אין ווילנא איז אנגעקומען די קאמיסיע, וואס דאס פעטערסבורגער קאמיטעט פון יק"א האט דארטען געשיקט, כדי זיך צו בעקענען מיט די ארדענונגען פון די ווילנער ביליגע היגיענישע דירות.

— דער משפט פון דעם יודישען געוועזענעם קיעווער סטודענט ישראל דאשעווסקי, וועלכער איז בעפאלען אויף דעם רעדאקטאר פון „זנאמיא" ה' קרושעוואן מיט א מעסער, וועט זיין דעם 25 אויגוסט פאר פארמאכטע טירען.

— אין דער קייזערליכער אוניווערזיטעט אין פעטערסבורג וועט מען היינטיגעס יאהר צונעמען דריי פראצענט יודען. ביז איצט האט מען נאר צוגענומען צוויי פראצענט.

— דאס מיניסטעריום פאר פאלקס־בילדונג האט ערלויבט איבערצומאכען די יודישע פאלקס־שולע אין אדעסא אויף א יודישע האנדעלס־שולע, וועלכע וועט שטעהן אונטער דעם שוץ פון פינאנץ־מיניסטער.

— דעם 13 יולי האבען זיך די 5 קישינובער דיינים פארגעשטעלט פאר דעם נייעם גובערנאטאר פירשט אורוסאוו. דער פירשט האט זיי זעהר פריינדליך אויפגענומען, געררייכט יעדען בעזונדער די הענט און אליין זיי צוגעטראגען א שטול צום זיצען און האט זיי ערלויבט מקבר צו זיין אים תשעה באב די 30 צעריסענע ספרי תורות לויט דעם יודישען מנהג.

עסטרייך־אונגארן. די אליאנץ אין וויען האט ביז דעם 3 אויגוסט צוזאמענגענומען פאר די פאראומגליקטע יודען אין קישינוב 216,000 קראנען.

דייטשלאנד. דער יודישער הילפס־פעראיין אין דייטשלאנד האט ביז דעם 3־טען אויגוסט צוזאמענגענומען 525,493 מארק פאר די קישינובער יודען.

ענגלאנד. פראפעסאר ישראל גאלאנץ אוים לאנדאן איז געווארען פראפעסאר אין דער קעניגליכער אקאדעמיע אין לאנדאן. ביז גאלאנץ האט נאך קיין יוד נישט געהאט אזא עהרענשטעלע.

ארץ־ישראל. אין די קאלאניעס וואס ביי יפו האט די עסטרייכישע פאסט איינגעפיהרט נייע מארקעס, אויף וועלכע עס געפינען זיך העברייאישע ווערטער מיט א מגן דוד.

טערקיי. דער סולטאן האט נישט לאנג נעלאזט אויפבויען א הויז פאר ארימעלייט פון אלע גלויבענס. איצט האט מען דארט אויך אויסגעבויט א שוהל צום דאווענען און א כשר'ע קיך, אלץ אויף דעם סולטאנס הוצאות.

בריף פון פאריז.

מאכט דער ציוניזם פראגרעסען אין פאריז? האט ער א האפנונג אויך די היגע יודען פונ'ם לאנגען שלאף אויפצווועקען? ביז דער לעצטער צייט איז דאס גאר קיין פראגע ניט געווען. דער ציוניזם האט זיך געהאלטען ביי איינינע רוסישע יודען בעלי־בתים און בעלי־מלאכות, וואס האבען נאך א יודישען פונק אין זיך. און ארום די איינינע האט ער זיך געדרעהט ווי א זומער־פייגעלע ארום א לאמפ.

ווי איך האב שוין ערקלערט אין דעם פאריגען בריף האט אביסעל די פאלקס־אוניווערזיטעט דעם גייסט בעלעבט און מען האט אנגעהויבען קוקען מיט בעסערע אויגען אויף דעם ציוניזם און אויף די ציוניסטען אליין. עס איז צו שפעט געוועזען, אז דאס זאל געבען גרויסע רעזולטאטען, אבער פטור בלא כלום אי אפשר, עס איז פארט געוועזען סימנים, אז דער ציוניזם געהט אין דעם פרייען פאריז אין א נייע פארם. מען האט דאס געזעהן איבערהויפט זייט עס איז ארויס א בוך איבער דער העברייאישער ליטעראטור, וואס ערקלערט, אז דער ציוניזם אליין קאן יודישקייט אויפהאלטען, און די פראנצויזיש־יודישע צייטונג „Les archives Israelites" וועלכע איז דערביי גאנץ ארטאדאקסיש, האט געשריבען צוויי ארטיקלען איבער דער ליטעראטור און האט אנגעהויבען צו פארשטעהן דעם ציוניזם אלס ערנסטע פאלקס־בעוועגונג. אין דער זעלבע צייטונג האט דער פאדפאלקאווניק בלאך, וועלכען מען האט לכתחלה צוגעצויגען צו דער פאלקס־

אוניווערזיטעט, אבגעדרוקט איין ארטיקעל איבער דעם ציוניזם, וואו ער פאדערט אויף די פראנצויזישע יודען דעם ציוניזם צו פארשטעהן אונ צו שעצען. אביסל שפעטער האבען מיר געזעהן, אז דער דירעקטאר פון ראבינער-סעמינאריום, וועלכער גרייט צו רבנים פאר גאנץ פראנקרייך אונ פאר די קאלאניען, הרב הגדול לעהמאן, האט אריינגעשיקט א שקל, דאס איז דער ערשטער פראנצויזישער יוד, וואס האט איין אפיציעלע שטעלונג אונ וואס בעקומט געצאהלט פון דער ממשלה, וועלכער שטעהט עפענטליך צו צום ציוניזם אונ וואס האט נאכדעם אפילו טייל גענומען אין די בחירות פון די דעלעגאטען. עס פארשטעהט זיך, אז אנדערע האבען איהם נאכגעטאן. אין דער זעלבער צייט האט פריילין פראפעסאר שאך (זי שטאמט אויס קורלאנד אונ שרייבט גוט העברייאיש) אין ווערסאיל איין ארטס-גרופע געשאפען פון בלויס פראנצויזישע יודען. ווייטער האט זיך אין אלגיר אונ אין דער פעסטונג ביזערטע געבילדעט גרופען. בקיצור, אז מען איז זיך צונויף געקומען איבערצורעדען דעם ציוניזם, האט מען געפונען, אז אין גאנצען זענען דא 9 דעלעגאטען צו וועהלען. דאס קאמיטע פון פאריז מיט דעם מיטגליד פונ'ם אקציאנס-קאמיטע ד"ר מארמארעק אלס פארשטעהער האבען צעשיקט איינלאדונגען אין די דריי פונקטען אויסער פאריז, וואס האבען געצאהלט שקלים אונ האבען בעקומען די דאזיגע רעזולטאטען: אין ביזערטע אין אפריקא האט מען דעם באנקיר כהן אויס פאריז אויסגעקליבען. אין ווערסאיל האט מען פריילין שאך אונ אין מאנפעליא (א סטודענטען גרופע) הערן בוכמיל אויסגעקליבען. אין פאריז זענען געווען אויף 600 שקלים 16 קאנדידאטען. מען האט צעשיקט אלע שקל-צאהלער ליסטען אונ 260 האבען זיך אנגערופען אונ האבען אנגעוויזען שריפטליך אדער פערזענליך 6 נעמען. די בחירות זענען געוועזען אין פאלקס-אוניווערזיטעט; איינינע יונגע לייט, וואס האבען געהאט צייט, האבען שטארק אגיטירט אונ דער סוף איז געווען, אז עס זענען אויסגעקליבען געווארען: ד"ר נארדוי, ד"ר מארמארעק, ד"ר יעקבסאן, ה' ארענשטאם, ד"ר קליין אונ איין אונבעקאנטער הער האהן; אלס קאנדידאטען אדער ממלאי מקום זענען ארויסגעקומען ה' שוואבסקי, פרוי ד"ר קריטשעווסקי אונ ד"ר סלושץ. עס פארשטעהט זיך, אז פון פאריז וועלען מעהר ווי 6 דעלעגירטע געהן, אבער ניט מיט פאריזער מאנדאטען. — 600 שקלים איז שוין עפיס געפועל'ט אונ איך גלויב, אז קינפטיגעס מאל וועט צום ווענינסטען זיין 1000. די בחירות זענען געווען זעהר בעלעבט. פיעל בעלעבטער אלס די בחירות פון דער חברה „כל ישראל חברים".

די טעג האב איך גערעדט מיט איינעם פון די אנפיהרער פון דער „יק"א" אונ הערט חדושים: די יק"א האט זיך קוים ארומגעזעהן, אז דער בעסטער ישוב נאך די אלע קאלאניעס, וואס זיי האבען געמאכט אין אלע עקען וועלט, איז פארט אין ארץ ישראל, זיי האבען געפרובט די קאלאניסטען גענוג ערד צו געבען, ביז 30 העקטאר א פאמיליע. זיי האבען די קאלאניסטען מעהר פרייהייט געגעבען; מען האט דעם ויין גוט פארקויפט אין פארשידענע לענדער אונ ליהודים היתה אורה ושמחה ויקר, עפיס פרייהליך אויפ'ן הארצען — אונ מלאך רע בעל כרחו יענה אמן. די יק"א האט שוין 4 נייע קאלאניען געגרינדעט אונ איבער א יאהר וועט זי נאך גרינדען קאלאניען. זעהט איהר ווי צייטען בייטען זיך, אונ אז די תורה, וואס האט אונז דערציילט פון איין ארץ זבת חלב ודבש אונ אפילו די חובבי ציון, זענען גאר ניט געווען אזוי משוגע — שולדיג זענען די פיהרער געווען אונ גאר די פיהרער.

דעם שבת צו נאכט ווארט מען אין פאריז אויף געסט: אויף דעלעגאטען פון אמעריקא, וועלכע וועלען קומען זיך בעראטען מיט דער יק"א אונ מיט דער אליאנץ וועגען די לאגע פון די קישינובער יודען אונ פון דער עמיגראציאן. איינע פון די פראגען בעשטעהט אין דעם, אז מען זאל 200 פאמיליען בעזעצען אין קליינאזיען אונ 50 אנדערע אין ארץ ישראל. וואס דער סוף וועט זיין ווייסט מען נאך ניט.

נאך א נייעס: דעם קינפטיגען זונטאג וועט אין דער יודישער פאלקס-אוניווערזיטעט רעדען דער דאקטאר באראן האנרי פאן ראטה-שילד איבער קינדער-היגיענע. דער געלעהרטער מיליאנער וויל טאקי זיינע ארימע ברידער מהנה זיין מיט זיין חכמה — מהיכא תיתא, בעסער ווי גאר נישט אונ ניט יעדען קאן אויסקומען צו הערען א ראטשילד...

איך האב אפילו אויך געוואלט רעדען פון וועלט-נייעס אין דער וועלט שטאדט, עס איז אבער דער „טויטער סעזאן" — די אלע גרויסע זענען זיך צעפאהרען אונ פאריז לעבט איצט אין די בערער אונ אין די בערג אונ טאלען — לאז זיך זיי טאקי דארט וואהל לעבען אונ מיר האבען אנדערע זאכען אין זינען, ווי מענשען ווילען מען זאל זיי לאזען לעבען אונ מען לאזט זיי ניט.. נאר דאס וועט מען מסתמא ארומרעדען ווי עס געהערט צו זיין אין באזעל. מיר וועלען מסתמא וויסען באצייטליך.

ד"ר בדן.

א מעשה פון פלאמען.

איהר ווילט וויסען, וואס פאר מיני סחורות געפינען זיך אט אין די אלע פעסלעך, וואס ליגען קופעס-ווייז אנגעווארפען, פונקט ווי די הרוגים אונ געראנעטע אין א גרויסע מלחמה, אויף אלע סטאנציעס פון דער גרויסער ליניע? יודישע לייב אונ לעבען ליגען אין זיי!... איהר זעהט די שמאלע ריטשקעלעך, וועלכע ציהען זיך פון די מילע-מיליאנען פעסלעך? מארך פון די יודישע ביינער, בלוט פון די יודישע הערצער, טרערען פון די יודישע אויגען איז דאס!... א יא, א שענער קאליר? אט אזעלכע מינים פארבען קאנט איהר בעשטענדיג בעקומען, ווען איהר מאכט א צונויפמישונג פון מארך, בלוט אונ טרערען... ס'איז א זכר לחרוסת... אונ דערפון ווערד א בלאטע, א גרויסע, טיעפע בלאטע, אזוי ווי פון אלע יודישע פרנסות...

איהר האט עפיס א געפיהל אין פלאמען?... ניין, ניין! ווי קומט דאס צו אייך? אז איהר אליין זענט גאר פון יענע גובערניעס, — פון וואנען-זשע זאלט איהר וויסען, וואס פלאמען איז?... איך גלויב, אז איהר עסט אמאל א צימעס פון פלאמען, אז צוריק מיט יאהרען פלעגט איהר עסען א קוגעל פון פלאמען, „קישעלעך", המן-טאשען פון פלאמען, — אבער מיר...

מיר עסען, טרינקען, שלאפען אויף פלאמען; אונזערע מלבושים זענען פון פלאמען; מיר זענען מגדל אונזערע קינדער לתורה, לחופה

ולמעשים טובים פון פלאמען!... איהר פערשטעהט? אונזער מסחר, אונזער גאנץ מהועכץ — איז פלאמען!...

דער מסחר פון פלאמען איז־אין אונזער געגענד איינער פון די גרעסטע מסחרים און כמעט די איין און איינציגע יודישע פרנסה... דאס געשעפט איז אונז געבליבען בירושה. אונזערע טאטעס, זיידעס און נאך עלטער־עלטער זיידעס זענען געבוירען געוואָרען, געלעבט און געשטארבען אין זכות פון פלאמען, — מיר אויך אזוי... ס'איז א גאט זאך. מען זעהט עס ארוים בחוש. אפילו די ערד אליין פון אונזער גאנצער סביבה האט אויך א פנים שטארק ליב פלאמען, ווייל נאך מששת ימי בראשית וואכסען אויף איהר גאר פלאמען...

ווער בעדארף אזוי פיעל פלאמען? אויב אזוי, חכם מיינער, ווייסט אידר דאך גאר ניט דעם כח, דעם אמת'ן כח פון אונזערע פלאמען!... איהר מיינט, אז אונזערע פלאמען צעגעהען זיך און ווערען גענוצט נאר אין אונזער געגענד? איהר מיינט אז אונזערע פלאמען געהען נאר אן אין רוסלאנד, פוילען, טיעף ראסעע, קאווקאז און סי־ביר? אויב אזוי, — האט איהר א ווילדען טעות!... עסטרייך־אונגארן עסען אונזערע פלאמען; דער דייטש האט ליב אונזערע פלאמען; פראנציע מיט ענגלאנד קאנען זיך ניט בעגעהן אהן אונזערע פלאמען; איטאליע, איספאניע און די איבריגע קליינע און היבשע מלוכות בע־דארפען אונזערע פלאמען; דער טערק ביט'ן פערם קוויקען זיך מיט אונזערע פלאמען, האטשע זיי האבען זייערע אייגענע מאנדלען, ראז־שינקעס, פייגען, טייטלען, באקסערען און מילגראמען. אפילו דער קיטאיעץ מיט'ן יאפאנעץ לעקען שוין אויך בגנבה די פינגער פון אונזערע פלאמען! איהר פערשטעהט?... ניט אומזיסט זאגט אונזער רופא (איין אייזערנער קאפ, א שארפער מח!): „כעת, עס וועט אין גיכען זיין אזא צייט, אז אלע שלאפקייטען וועט מע היילען נאר און בפירוש מיט פלאמען". און ער אליין — היילט שוין טאקי פון כמה וכמה יאהרען אלע מיני קראנקהייטען נאר מיט מצה און מיט פלאמען...

ביטער, ווי דער גלות, שווער, ווי דער טויט, איז די פרנסה פון פלאמען... נאך וואס־זשע האלטען מיר זיך ביי דעם מסחר? יוד וואס איהר זענט! מיר האבען דען א ברירה? מען גיט אונז דען אויף אויסצוקלויבען? ס'איז דאך א ירושה זאך, — מוז מען זיך האלטען מיט איהר... אודאי זענען ניט אלע ירושות גלייך! איינער לאזט זיינע קינדער א גרויס הויז, פיעל געלד, א גוזמא גאלד מיט ברילאנ־טען, — און איינער — א שלעכטען נאמען, א גרויסען פאק חובות, א מיאוס, רחמנא ליצלן, שלאפקייט... און דעם גרויסען, ביטערען גלות האבען מיר דען ניט בעקומען בירושה פון אונזערע אבות? און דער שווערער, שלעכטער טויט איז ביי אונז ניט קיין ירושה?... אין וואס בעשטעהט דאס שלעכטיגקייט פון דעם געשעפט?... ווארט צו א ביסל. איך וועל אייך באלד קלאר מאכען אין ענין...

פירות, פלאמען, מיין איך, זענען פרוכטען? פרוכטען וואכסען אויף די בוימער? בוימער וואכסען אויף דער ערד? צו וועמען געהער די ערד? און יודען ביים לעבען מעגען קויפען, האנדלען מיט ערד?... איהר פארשטעהט? די פלאמען זענען די ביימערס, די ביימער זענען דער ערדס, די ערד געהער צו אנדערע, — וואס־זשע בלייבט פאר אונז?... דער שטן פונ'ם מסחר און דאס ווידער-קול פון די פלאמען... אט דא הייבט זיך אן די סדרה פון אונזער ירושה...

אונזערע עלטערן האבען געהאנדעלט מיט לופט און זענען געבליבען ביים ווינט, מיר האנדלען מיט רויך און בלייבען אהן אויגען און, אזוי ווי היינטיגס יאהר למשל, אהן געזונט און אהן לעבען... ווארט אביסל צו. איך וועל אייך באלד קלאר מאכען אין גאנצען עסק...

דער פסח האט זיך נאך כמעט ניט געענדיגט. די בלאטע איז נאך גרויס, געדיכט און טיעף איבער'ן גארטעל. אין דרויסען איז נאך קאלט, נאס, אז עס נעמט דורך־און־דורך. די ביימער שטעהען נאך הויל, נאקעט. זיי ציהען זיך, שטרעקען אין אלע זייטען זייערע דארע אברים. די ביימער ציטערען, פלאטערען, שעפטשען עפּיס. א פנים זיי בעטען הילף. ארום-און-ארום איבער די פעלדער און וועלדער הערשט א בלאטיגע, נאסע, קאלטע און טויטע שטילשווייגעניש... און מיר, אלע יודעלעך פון אונזער גרויסער סביבה, צעלאזען זיך שוין אויף גאטס וועלט און הייבען אן מעסטען גאטס ערד אין דער לענג און אין דער ברייט... ווי די פער'סמ'טע מייז, לויפען מיר אויף די דערפער, פליהען איבער די פעלדער און וועלדער. מיר קוקען, פרעגען, זוכען און נישטערען. מיר דינגען שוין סעדער, קויפען גערטנער, מיר האנדלען שוין מיט פלאמען...

דאס פלאמען-געשעפט איז א מזומן ארטיקעל. איהר האט צוטון מיט גוים. דער גוי איז ניט קיין יוד. ער ווייס ניט פון קיין גליקען... אמת טאקי, דערווייל פארקויפט ער אייך נאך א דבר שלא בא לעולם: נישט קיין תורה, נישט קיין סחורה, נאר ער גייט אייך דען? ווער לויפט איבער וועמען? ווער בעט וועמען? איהר ווילט קויפען מציאות? איהר ווילט האנדלען א קאץ אין זאק? בעצאהלט-זשע, זייט מוחל, מזומנ'ע קלינגערס!... איהר האט ניט קיין געלד? און בעלי־הלוואות, יודישע בעלי־טובה'ניקעס, נאך וואס זענען בעשאפען געווארען אויף גאטס וועלט? אבי איהר האט שוין צו האנדלען א געשעפט, — וועט איהר שוין יאקאש בעקומען מיט וואס צו האנדלען אויך... איהר ווילט ניט צאלען קיין פראצענט? ביי אייך די ברירה: פארקויפט אייערע פלאמען די סוחרים פון פלאמען, נעמט געלד און קויפט פלאמען!...

איהר קאנט זיך דען פארשטעלען וויפיעל ארבייט, וועהטיגען און קאפדרעהנישען אין דעם געשעפט ליגט!... און צו די אלע גליקען, מוז נאך דער יוד פון אונזער סביבה א בעטלער אויך זיין. אודאי! אהן טארבעס אפילו און דאך א בעטלער... און פאר וועמען? די ערד איז די גוי'מ'ס. און דער יוד, וואס ביים לעבען טאר זיך אפילו ניט צוריהרען צו איהר, — בעט אויף רעגען אין דער צייט, אויף א קאלט, עסעריג ווינטל נאכ'ן רעגען, אויף ווארעם אין דער צייט. מיט אונזערע תפלות בעדארפען מיר און מוזען פערטרייבען פון דער פרעמ־דער ערד די גרויסע ווינטען, שטארקע היצען, דעם האגעל, די שלעכטע ווערעם, פליגלעך און זשוקלעך... איהר פארשטעהט? מיר מוזען טאג ווי נאכט, אויפשטעהענדיג און לעגענדיג בעטען פאר'ן גוי, פאר'ן בעל-הבית פון דער ערד, פון די ביימער, פון אונזערע פלאמען... און מיר מוזען! מיר האבען קיין ברירה ניט, ווארען טאמער, חס ושלום, עפּיס-וואס, — איז אונזערס, פרעמד געלד, די גרויסע קאטערזשנע האראוואניע אונזערע, דאס גאנצע יאהר, די פרנסה מיט דער ירושה צוזאמען — פארפאלען, אויסגעמעקט און — שא!...

אזוי פיהרט זיך דאס געשעפט פון אייביג אן און... גאר ניט... מען לעבט און מע מוטשעט זיך; מען מוטשעט זיך און מע

לעבט ווייטער... נישט־קשה, דער גרויסער, ביטערער גלות איז א טייערער לעהרער, און מיר קאנען שוין, ברוך השם, נאך פון קינדער־הייט אן גאנץ הלכות צרות אויסענווייניג... דאכט זיך געגוג? שוין? היינט גאה רעכט זיך גאר, אז פאר יודען קאן נאך בעשטענדיג זיין „ערגער" אפילו פון „ערגער"!...

אט דאס מין האט אונז געוויזען בחוש דער גרויסער בורא מיט'ן גערעטעניש פון פלאמען היינטיגס יאהר...

נאך פאר דעם יאהר, בעדארפט איהר וויסען, האבען מיר געהאט צוויי־דריי שלעכטע יאהר... וואס מיינט איהר: „שלעכטע"? ביטערע זענען זיי נאך אפילו ניט געוועזען, ווייל ווי ס'איז ניט — האבען מיר זיך נאך געקאנט דורכשלאגען, אויסדרעהען: א טייל זענען נאר קוים־קוים ארויסגעשפרונגען מיט'ן קרן און א טייל איז נאך עפיס געבליבען אויך... דאס הייסט, ווי מיר פארשטעהען איצט, „ניט צו פארזינדיגען"... ס'איז נישט געראטען און שוין...

אט דערפון טאקי האט זיך א פנים גענומען דער גאנצער אומ־גליק. איהר פארשטעהט? ערשטענס, זענען מיר געוועזען צו הונגעריג, שטארק דארשטיג: א קלייניגקייט, צוויי דריי יאהר כמעט אהן פרנסה! צווייטענס, די קבלה... אונזערע טאטעס, זיידעס, עלטער־עלטער־זיידעס האבען געגלויבט, אז אויב צוויי־דריי יאהר געהען איבער שלעכטע, מוז דערנאך זיין א שטארק גערעטעניש, און...

אזוי ווי די הונגעריגע וועלף, האבען מיר זיך אווארף געטאן, אנגעפאלען אויף אונזער ירושה... און ווען מיינט איהר? פאר פסח, נאך פאר פורים אפילו! ווער האט עם צייט געהאט צו ווארטען!...

די ערד איז נאך געוועזען פארקאוועט אין פראסט; די ביימער זענען נאך געשטאנען מיט זייערע פארפרוירענע, אויסגעטרוקענטע צווייגען הויל, נאקעט, ווי די מאמע האט זי געהאט. און מיר, יודען, ווייבער, בחורים און בתולות האבען שוין געדונגען גערטנער, געקויפט סעדער און, ווי דער שטייגער איז, אהן איין איינגעטונקטער פעדער, אויפ'ן ווארט...

אז די גוים האבען דערזעהן, אז ביי אונז ברענט אזא העליש פייער, אז אלט און יונג, ארים און רייך לויפען אזוי אויף זייער בייז וואונדער, — האבען זיי זיך אין אונז נוקס געוועזען, ווי אין המן'ען. די זיבעטע ריפ האבען זיי פון אונז אראבגענומען... וועגען געלד האט קיינער גאר גיט געוואלט קלערען. דאס בעסטע, שענסטע און טייערסטע האט מען פארזעצט, פארקויפט, אבי האנדלען א סאד, בעקומען א גארטען פון פלאמען...

די ביימער זענען נאך געוועזען פארזינקען אין זייער ווינטער־שלאף, האבען ערשט נאר אנגעהויבען חלומ'ן וועגען א ביסל ווארעם, א שטיקעלע זון און וועגען נעגעל־וואסער, און ביי אונז אין די גע־דאנקען האבען מיר שוין געזעהן: שענע, אויסגעפוצטע ביימער אין גרינעס, ווייסען און בלויליכען קאליר פון גרויסע, פולע און פעטע פלאמען, פון וועלכע עס גיסען זיך טייכענווייז דער צוקער מיט האניג, און מיר האבען שוין געקויפט און פארקויפט גרינע, רויטע, פארטיגע און טרוקענע פלאמען...

גוט, שען און גליקליך האט זיך אנגעהויבען דער זומער און דאס טאקי האט אונז ערשט געקוילעט, געמאכט פון אונז א תל־עולם... שטיל, שען און מיט דער בעסטער מאס האט געווארעמט די זון. די רעגענס זענען געגאנגען שטילע, רוהיגע און צו דער צייט. די ביימער האבען זיך אויפגעכאפט, אויפגעוועקט זייערע צווייגען, אנגע־ווארעמט, זיך גוט־גוט אבגעוואשען און האבען זיך אנגעהויבען צירען, פוצען און ארויפציהען אויף זיך די זומערדיגע מלבושים... א מין צוויט! זקנים געדענקען אזוינס ניט... די ווינטען, די גרעסטע און ערגסטע שונאים פון די פלאמען, האבען זיך היינטיגס יאהר, אזוי ווי אויף להכעיס, בעהאלטען אונטער די הרי־חושך אי בשעת די ביימער האבען געצוויטעט, אי אפילו ווען די פלאמען האבען אנגעהויבען פארשיטען די ביימער, וואכסען, מעהרען זיך פון שעה צו שעה...

איך האב אייך ערשט געזאגט: „אזוי ווי אויף להכעיס", ווייל דאס האט אונז שוין צום איבעריגען דערהרג'עט. קוים האבען די גוים דערזעהן אזוינע גרויסע שאנסען אויף אזא מין גערעטעניש האבען זיי באלד אנגעהויבען חרטה קריגען אויף דעם גאנצען עסק. איהר פארשטעהט? אז מען גלויבט זיי אויפ'ן ווארט, — פאר וואס זשע זא־לען זיי ניט ברעכען דאס ווארט, ווען זיי טויג אזוי? און זיי האבען בעקומען חרטה, און האבען גענומען הוספות: צוויי־דריי מאל אזוי פיעל, פאדלוג מען האט מיט זיי געענדיגט פריהער, און זיי זענען גליקליך געווארען, און מיר... זענען אריין טיעף־טיעף אין זייער ערד אריין...

א תענוג איז געוועזען קוקען אויף די בוימער, ווען זיי האבען שוין ארויפגעצויגען אויף זיך דאס שענע מאנטעל פון די פלאמען, שען, גרוים, הויך ברייט און שווער זענען זיי געשטאנען פארטראכט, פאר'חלומ'ט..

און מיר האבען שוין גערעכענט די פודען פלאמען, וואס יעדער בוים קאן אראבגעבען פון זיך, און שוין געקלערט און בערעכענט אונזער פארדינסט...

נאך דריי... צוויי וואכען... נאך צעהן... אכט טעג גוטע היצען, און...

פלוצים האט זיך א לאז געטאן א דין רעגענדל... ס'איז גע־גאנגען געטריי, געשמאק א טאג דריי... די פלאמען האבען זיך אנ־גענומען מיט א קאלט נאסקייט, זענען געווארען שווער, האבען זיך אנגעהויבען שפאלטען און אראבפאלען פאר דער צייט...

דער רעגען האט שוין אפילו אויפגעהערט געהן, נאר די זון האט מיט איינמאל אנגעווארען איהר ווארעמקייט, און פון דער נאסער קעלט האבען שוין די פלאמען אפילו פון די ביימער אנגעהויבען פוי־לען, און מיר האבען זיי געמוזט וואס גיכער אראבנעמען פון די סע־דער און גערטנער...

איהר פארשטעהט? ווען די פלאם איז פארטיג, גוט־גוט אויס־געטרוקענט, אויסגעפרעגעלט פון דער זון, — לאזט זי זיך טרוקענען, קאן ליגען וויפיעל איהר ווילט, קאן געהן, הן אויף דער יבשה והן אויף די ימים, פון עק ביז עק וועלט און האט פאר קיין שום זאך קיין מורא ניט. אבער, אז די פלאם איז גאר קיינמאל ניט געוועזען פארטיג, האט זיך אנגענומען פול מיט נאסקייט, פייכקייט און פשוט וואסער, — דענסטמאל איז מען אויסגעשטעלט מיט איהר, אומגליק־ליך... גרויסע פרעסט דערהאלטען זי נאך ביי איהר כבוד: זי ווערד ניט אן איהר שענע צורה, חאטשע אין זיך טראגט זי צרות מיט וועהטיגען...

די פרעסט האבען דווקא א נעם געטאן באלד נאך סכות שטארק און מיט איינמאל, נאר די פרייזען... פלוצים — די פרייזען אויף פלאמען הויבען זיך פון טאג צו טאג. מיר ווייסען, פיהלען, אז זיי בעדארפען פאלען. זיי מוזען פאלען, און דא איז פונקט פארקעהרט. וואס איז? אין רוסלאנד און אין אויסלאנד הערט זיך, אז ביי אונז איז נישטא קיין פלאמען... די פרייז בעדארף שטעהן א קערבל א פוד, און דא ווערד — א רובל מיט פינפציג, זעכציג, פינף און זיבעציג... ס'האלט שוין ביי צוויי רובל מיט פינף... גזלנים, רוצחים, פארקויפטזשע די פלאמען! איהר ווייסט דאך, וואס פאר א מין צרה איהר קאנט זיך דערהאביען מיט זיי! פארקויפט! ווערד רייך, ווערד גליקליך! עס האט אונז געהאלפען, ווי א טויטען בייַנקעס. וואס קלערט איהר? אז ס'איז בעשערט מענשען זאלען ברעכען די קעפ. — פיהרט עס זיי אראב פונ'ם וועג, זיי פערלירען מיט איינמאל דעם שכל הישר און... ברוך דין אמת!...

די פרייז האט זיך אזוי לאנג געהויבען ביז זי האט, נאך גיכער און נאך שטארקער, אנגעהויבען פאלען פון שעה צו שעה... די אויםלענדישע סוחרים ווערען קאלט, ווי איז, און די פרעסט זענען מיט איינמאל נעלם געווארען. ס'האט אנגעהויבען לאזען; די פלאמען הויבען אן שוויצען, ברענען, האבען בעקומען א בראנפען ריח; עס רינט, עס גיסט זיך פון זיי און...

איהר זעהט די שמאלע ריטשקעלעך, וואס ציהען זיך פון די מיליעמיליאנען פעסלעך, וועלכע פארפלייצען אלע סטאנציעס פון דער גרויסער ליניע? מארך פון די יודישע בייכער, בלוט פון די הערצער איז דאס!...

ישעיהו לערנער.

אלטנייַלאנד.

(פארטזעצונג).

XXIII.

אין דער אפערע דערוויל געהט שבתי-צבי. די סצענע שטעלט פאר דעם פאלשען משיח, ווי ער ציהט צו זיך צו מאסען יודען, וועלכע גלויבען אין איהם. פרידריך בעמערקט:

„סע איז אבער מערקווירדיג, וואס אזעלכע שווינדלער האבען תמיד געפונען גלויבען אין פאלק".

דרויף ענטפערט דוד: „דאס איז לייכט צו פארשטעהן. ניט דאס פאלק האט געגלויבט אין זייערע דבורים, נאר פארקעהרט, זיי האבען געזאגט וואס דאס פאלק האט געגלויבט. זיי זענען א פראדוקט פון דער פאלקס-נשמה, וועלכע האט אין דער גאנצער לאנגער צייט פונ'ם גלות אויף קיין מינוט ניט אויפגעהערט צו גלויבען, אז סע וועט זיך אמאל צוריק אומקעהרען אין זיין פאטערלאנד. נאר דאס פאלק איז ניט אימשטאנד געוועזן צו פארשטעהן אויף וועלכען אופן סע קאן דיזער גלויבען פארווירקליכט ווערען. דרום האט עס געגלויבט יעדען משיח-שקר, וועלכער האט איהם צוגעזאגט די ישועה. ערשט אינ'ם סוף פון נייַנצעהנטען יאהרהונדערט בעת אלע אנדערע פעלקער האבען אנגעהויבען זיך אליין צו דערפיהלען, איז אויך אונזער פאלק דערגאנגען, אז זיין הילף ליגט אין זיינע אייגענע הענט און אזוי האט זיך דאס יודישע פאלק אויפגעהויבען".

צווישען צווייטען און דריטען אקט, קומט צו זיי אין דער לאזשע הער דאקטאר ווערקין, דער סעקרעטער פונ'ם פרעזידענט און בעט זיי אינ'ם נאמען פונ'ם פרעזידענט צו איהם אין דער לאזשע, סע שטעלט זיך ארויס, אז פרעזידענט פון דער נייער געזעלשאפט איז דער א[...]טער רוסישער אויגענדאקטאר, אייכענשטאם, מיט וועלכען זיי האבען זיך בעגעגנט צוריק מיט 20 יאהר ביי די חורבות פונ'ם כותל מערבי און אצינד האט ער זיי ווידער דערקענט און האט זיי געוואלט בעגריסען.

דער פרעזידענט דאקטאר אייכענשטאם איז אצינד שוין א גרייזגרויער מאן. פאר אונזער פאלק, זאגט ער, איז איצט די בעסערע צייט פאר מיר אליין אבער איז דעמאלט געוועזן די בעסערע. ווייל איך בין געוועזן יונג און קרעפטיג, איצט אבער בין איך אלט און שוואך. דאך מוזען מיר מיט אלעם צופרידען זיין, וואס סע מוז זיין...

פון די דבורים מיט'ן פרעזידענט און זיין טאכטער ווערען אונזערע לייט געווארע, אז אין פאלעסטינע האט די מעדיצין דערלאנגט א זעהר הויכע שטופע. אז פון ארץ ישראל ווערד פארשפרייט די ברכה פון מעדיצינישער הילף אין אלע ארומיגע לענדער און אז בעזאנדערס בעריהמט איז דאס באקטעריאלאגישע אינסטיטוט פון פראפעסאר שטיינעק, דער ברודער פונ'ם ארחיטעקטאר שטיינעק, — וועלכעס איז כדאי צו זעהן. דוד זאגט זיי צו מיט דעם בעריהמטען מאן זיי נאך צו בעקענען, דער פרעזידענט בעט נאך ליטוואקען, אז ווען ער וועט מיט זיי קומען קיין ירושלים, זאל ער זיי צו איהם ברענגען און דערמיט גיט ער זיי די האנט אלס סמן, אז די אודיענץ איז געענדיגט.

אוועקגעהענדיג פונ'ם פרעזידענט שרייט קינגסקארט אויס:

„אייער פרעזידענט ווייזט אויס א גאנץ ערליכער יונג, נאר א ביסל שוין צו אלט. פאר וואס האט איהר גראד איהם אויסגעקליבען?"

„דאס קאן איך אייך זאגען מיט איין ווארט", ענטפערט איהם דוד, „מיר האבען איהם אויסגעקליבען דערפאר וואס ער האט ניט געוואלט".

„אהא, דאס איז נאך שענער!"

„יא, מיר האבען פון אונזערע חכמים בעקומען א כלל: דעם כבוד דארף מען געבען דעם, וועלכער אנטלויפט פון איהם".

(פ[illegible]ונג קומט.) משה קליינמאן.

רוח.

(ענדע פון נומער 30).

כדי צו האבען א בעגריף פון וואנעט עס נעמט זיך דער רוח, וועלכער בעשאפט אזויגע אונגעהייער גרויסע אוצרות געלד, מוזען מיר זיך צוריק קעהרען צו די סחורות. א סחורה, ווי מיר ווייסען, מוז האבען אין זיך צוויי זייטען, א נאטירליכע זייט און א געזעלשאפטליכע זייט. די נאטירליכע זייט איז דער געברויך-ווערט — די אייגענשאפט פון דער סחורה צופרידען צו שטעלען א געוויסע מענשליכע בעדערפניש; די געזעלשאפטליכע זייט איז דער טויש-ווערט — די מאס געזעלשאפטליכע ארבייט. וויפיעל עס דארף זיין אין איהר פארקערפערט. א טויש-ווערט אהן א געברויך-ווערט קאן קיין מאל ניט

זיין. ווען א מענש וועט נעמען טון נישט קיין נוציגע ארבייט, ער מעג דערביי אנווענדען זעהר פיעל כח, וועט איהם דערפאר קיינער א גראָשען געלד ניט געבען. דער טויש־ווערט מוז האבען א נושא, אין וואס ער זאל קאנען ווערען פארקערפּערט, אהן דעם נושא קאן ער ניט זיין אזוי ווי די נשמה קאנען מיר זיך ניט פארשטעלען זי זאל קאנען עקזיסטירען, ניט האבענדיג א גוף, וואו זי זאל קאנען אויסנוצען איהרע איינענשאפטען. דער טויש־ווערט איז דער סימוואל פון געזעלשאפטליכקייט אין יעדען געברויך־ווערט. ווען איינער א קונה קויפט א סחורה בעצאהלט ער פאר'ן טויש־ווערט פון דער סחורה,—פאר דער מאס ארבייט, וויפיעל עס איז אין איהם פארקערפּערט און בענוצען אבער בענוצט ער זיך מיט דעם געברויך־ווערט פון דער סחורה—מיט איהרע נאטירליכע איינענשאפטען.

ווען איינער למשל קויפט פלאקס בעצאהלט ער פאר דער מאס געז. ארבייט וויפיעל אין איהר איז פארקערפערט געווארען בענוצען אבער בענוצט ער זיך מיט דער איינענשאפט פון פלאקס צו מאכען שטריק. טוך קויפט מען, כדי צו בענוצען זיך מיט די נאטירליכע איינענשאפטען פון איהר צו מאכען אפאלטא א. ז. וו.

בכדי יעדער פראדוקט זאל ווערען א סחורה דארף ער האבען אויסער די דערמאנטע, נאך איינענשאפטען; ער מוז זיין וועמענס עס איז איינענטום, ער מוז האבען א בעל־הבית וועמען ער געהערט, ווער עס זאל קאנען טון מיט איהם וואס ער וויל, א פרעמדע זאך קאן קיינער ניט פארקויפען און ניט איבערגעבען. אויסער [illegible]ז דארף זיך דער בעל הבית אין דעם פראדוקט ניט נייטיגען, ווען דער בעל הבית זאל דארפען און קאנען אליין זיך מיט איהר בענוצען וואלט ער דאך דאס ניט פארקויפט קיין אנדערען.

יעדע זאך, וואס ענטהאלט אין זיך די אלע איינענשאפטען, ווערד א סחורה און מען בעצאהלט פאר איהר די מאס געזעלשאפטליכע ארבייט, וויפיעל עס דארף דויערען איהר בעשאפען.

ארבייטס־קראפט האט לויט דיזער הנחה אין די פריהערדיגע דורות, ווען עס האט געהערשט שקלאפעריי און שפעטער פאנשציניע, ניט געקאנט זיין קיין סחורה, ווייל דער בעל הבית פון דער ארבייטס־קראפט—דער מענש, האט ניט געהאט בכח זיך מיט איהר צו בענוצען, דער שקלאף האט געהערט דעם אדון מיט'ן לייב און לעבען, „כל מה שקנה עבד קנה רבו", אלע איינענשאפטען, וועלכע זענען געלעגען אין עבדים גוף האבען געהערט דעם אדון. דאס גלייכען אין איין אנדער פארמע איז געווען אין דער עפאכע פון פאנשציניע. אליין בעלי בתים איבער זייער כח זענען די ארבייטער געווארען ערשט שפעטער, ווען דער גוף זייערער איז געווארען פריי, ווען זיי זענען ארויס פון דעם אדונ'ס רשות און אריין ביי זיך אין איינענעם רשות. כל זמן ווידער יעדער ארבייטער אדער אקערבויער האט געהאט זיינע איינענע אינסטרומענטען, זיין איינענע ווארשטאט און מעגליכקייט צו קויפען רויהע מאטעריאל, וועלכע זענען נייטיג צו שאפען פראדוקטען, איז ארבייטס־קראפט נאך אלץ ניט געווען קיין סחורה, דער ארבייטער האט זי אליין פארטון, ער האט זי אויסגענוצט פאר זיך און זיין איינענע ווארקשטאט.

שפעטער אבער, ווען די ענטוויקלונג פון קאפיטאל האט אנגעפאנגען געהן פארווערטס, ווען דער בעל מלאכה צוליב דער קאנקורענציע פון דער פאבריק און גרויסען האנדעל איז שוין מעהר ניט געווען בכלל אויסצוהאלטען איין איינענע ווארשטאט, ווען ער איז געווארען אבגעריסען פון זיינע געצייג און האט זיין ארבייטס־קראפט מעהר אליין ניט געקאנט אויסנוצען — דענסטמאל ערשט ווערד ארבייטס־קראפט א סחורה און טרעט ארויס אויפ'ן מארק צוגלייך מיט אלע אנדערע סחורות.

אזוי ווי אלע סחורות האט אויך די ארבייטס־קראפט צוויי איינענשאפטען: א נאטירליכע און א געזעלשאפטליכע (א געברויך־ווערט און א טויש־ווערט). די נאטירליכע זייט איז איהר איינענשאפט איבער צו ארבייטען רויהע מאטעריאלען און פראדוקטען, וועלכע זענען נוצליך דער געזעלשאפט: ארבייט מאכט פון לעדער אפאר שטיוועל, פון פלאקס שטריק, פון אייזען אייזערנע געצייג און געווער א. ז. וו. די געזעלשאפטליכע זייט, דער טויש־ווערט איז די מאס געזעלשאפטליכע ארבייט, וויפיעל עס דארף ווערען אויסגענוצט, כדי צו בעשאפען די ארבייטס־קראפט.

ווי ווערד בעשאפען ארבייטס־קראפט, מענשליכע ענערגיע?

ארבייטס־קראפט איז ניט אזעלבסטשטענדיגע איינגענוויליגע זאך — דאס איז די איינענשאפטען און פעהיגקייטען פון יעדען לעבענדיגען מענשען, דאס איז א טייל פון זיין מח, בלוט, מוסקעלען און נערווען און דעריבער קאן זי נאר עקזיסטירען מיט'ן מענשען צוזאמען און דווקא מיט אזא מענשען, וועלכער איז פעהיג צו דער ארבייט. א מענש קאן נאר זיין פעהיג צו דער ארבייט דענסטמאל ווען ער האט די געוויסע לעבענס בעדירפניסען, פון וואנען ער ציהט זיין חיונה און וויבאלד אז די דאזיגע לעבענס־בעדירפניסען בעשאפען די ארבייטס־קראפט איז גאנץ פארשטענדליך, אז דער טויש־ווערט פון ארבייטס־קראפט איז גלייך צו דער מאס געזעלשאפטליכע ארבייט, וועלכע עס דארף פארווענדעט ווערען, כדי צו בעשאפען די לעבענס־פראדוקטען, וועלכע זענען נייטיג צו דער חיונה.

די בעדירפניסען פון יעדען מענשען זענען גאנץ פארשידען, זיי געפינען זיך אונטער א געוויסער אבהענגיגקייט פון פארשידענע נאטירליכע קולטורענע און געזעלשאפטליכע בעדינגונגען, אין וועלכע דער מענש וואהנט.

אין די הייסע לענדער איז גענוג פאר'ן מענשען איין איינפאכע דירה, לייכטע קליידער און מאגערע שפייז, אין די קאלטע לענדער דארף שוין דער מענש האבען, בכדי צו האבען כח צו ארבייטען א גוטע ארום געזעהענע דירה, ווארעמע בגדים און פעטע שפייז א ז.וו. אין די ערשטע צייטען ווידער איז געווען רעכט צו געהן אבי ווי הויזען און לעדערנע שוך זענען געווען לאו דווקא, עס איז געווען רעכט צו געהן, זייט מיר מוחל, בלויז אין תחתונים. היינט, ווען דער קולטורעלער מצב האט זיך ענטוויקעלט, איז שוין נייטיג פאר יעדען מענשען ניט נאר לעדערנע שטיוועל, נאר אפילו גומענע קאלאשען, די צייט מען זאל זיך בעגנינגענען מיט תחתונים אליין איז שוין לאנג אוועק.

דער ארבייטער לעבט ניט אייביג, ער ווערד עלטער און שוואכער און צוזאמען מיט זיין אלטקייט ווערד אלץ ביי איהם ווייניגער און שוואכער זיין ענערגיע און כח. און דעריבער מוזען די קונים, וועלכע קויפען די ארבייטס־קראפט אויך זארגען, אז די פאבריק, וואו

עס ווערד בעשאפען די ארבייטס-קראפט זאל האבען שטענדיג א קיום. דער ארבייטער קאן האבען א קיום אויף אייביג אזוי ווי אלע בעלי-חיים דערמיט וואס ער וועט האבען די מעגליכקייטען צו דערלענגערען זיין שטאם, דערמיט וואס ער וועט קאנען פיהרען א פאמיליען-לעבען און ווי עס איז צו פארזארגען זיינע קינדער, זיי זאלען אין קומענדיגען דור פארבייטען די עלטערן.

בעשטימענדיג ריכטיג די טויש-ווערט פון ארבייטס-קראפט, קומען מיר צום שלוס, אז די טויש-ווערט פון ארבייטס-קראפט איז די מאס געזעלשאפטליכע ארבייט, וויפיעל עס איז נייטיג צו בעשאפען די נייטיגע לעבענס פראדוקטען: דירה, קליידער, מזונות, א. ז. וו., פאר'ן ארבייטער אליין און פאר זיין פאמיליע לויט די נאטירליכע, געזעלשאפטליכע און קולטורעלע בעדינגונגען פון דעם לאנד, וואו דער ארבייטער וואהנט.

די נוצען פון דער ארבייטס-קראפט, ווי מיר האבען געזאגט, בעשטעהט אין דעם, וואס זי פארוואנדעלט מאטעריאלען, וועלכע די נאטור גיט אונז, אין פראדוקטען, וואס שטעלען צופרידען דעם מענשענס בעדערפניסען. כדי איבער צו ארבייטען רויהע מאטעריאל אויף נוציגע פראדוקטען מוז מען האבען געציג, אהן געצייג, מיט די הוילע הענט, קאן מען ניט ארבייטען. דערפון איז גאנץ פארשטענדליך, אז קונים אויף ארבייטס-קראפט קאנען נאר זיין די, וועלכע האבען אי רויהע מאטעריאל אי געצייג. פראסט גערעדט: די פאבריקאנטען, נאר זיי קאנען זיין קונים אויף ארבייטס-קראפט.

אט דא איז דער הונט בעגראבען, דא איז דער גאנצער סוד פון רוח. דער פאבריקאנט ווען ער קויפט למשל 100 שעה ארבייטס-קראפט בעצאהלט ער ניט 10 רובל, אויף וויפיעל די ארבייטס-קראפט וועט ווערען פארקערפערט אין דעם פראדוקט, וואס וועט ווערען אויסגעארבעט, נאר אזוי פיעל וויפיעל עס דארף דויערען דאס בעשאפען די 100 שעה ארבייטס-קראפט, ד"ה פאר זייער טויש-ווערט. און ווען דער טויש-ווערט פון 100 שעה ארבייטס-קראפט איז מעהר ניט ווי 50 שעה וועט דער פאבריקאנט מעהר ניט צאהלען ווי 5 רובל און די איבעריגע 5 רובל וועט זיין דער רוח. און נאכ'ן סוחר'שען יושר טוט דער פאבריקאנט דעם ארבייטער קיין שום עולה ניט.

ארבייטס-קראפט — טענה'ט דער פאבריקאנט — איז א סחורה, ווי אלע סחורות, אזוי ווי פאר איין אנדערע סחורה בעצאהלט מען נאר פאר דער צייט ארבייט, וואס איז פארקערפערט אין דער סחורה, די זעלבע בעצאהל איך פאר דער ארבייטס-קראפט אויך אזוי פיעל, וויפיעל געזעלשאפטליכע ארבייט אין איהר איז פארקערפערט. און ווען אין איהר ליגט נאר 50 שעה ארבייט, (ד"ה די צייט ארבייט וויפיעל עס דארף דויערען כדי צו בעשאפען לעבענס-מיטלען, וואס זאל געבען זיי אויף 100 שעה), בעצאהל איך גאנץ ערליך 5 רובל. אי וואס איך נוץ אויס מיין סחורה און ציה ארויס פון איהר 100 שעה ארבייט אדער מעהר, דאס איז מיין זאך. די ארבייטס-קראפט נאך מיין אבקויפען איז מיין אייגענטום, מיין סחורה, און איך האב פאלקאמע רעכטען צו בענוצען זיך מיט דער נאטירליכער זייט פון מיין סחורה.

איצט וועלען מיר זיך אומקעהרען צו אונזער ציגעל-זאוואד ווען די ציגעל וואלטען קאנען בעשאפען ווערען נאר פון לעהם, געצייג און האלץ אהן ארבייטס-קראפט, וואלט טאקי דער זאוואדציק גאר ניט פארדינען, ווייל די אלע עלעמענטען געבען איבער זייערע טויש-ווערטען דעם קומענדיגען פראדוקט—ציגעל אהן א שום שינוי, ניט ווייניגער און ניט מעהרער, ווערענדיג צוזאמען געגאסען אינאיינעם קאנען די טויש-ווערטען נאר בעשאפען אזוי פיעל נייע טויש-ווערט וויפיעל עס איז דער סך-הכל פון אלע דריי צוזאמענגעגאסענע טויש-ווערטען. דער גאנצער גליק איז אבער, וואס כדי צו מאכען פון די אלע עלעמענטען ציגעל מוז מען האבען ארבייטס-קראפט (אין אונזער משל ברויך מען צו האבען 30 שעה ארבייטס-קראפט), די ארבייטס-קראפט קויפט דער זאוואדציק ביי 3 מענשען צו 10 שעה ביי יעדען. פאר די 10 שעה ארבייטס-קראפט בעצאהלט אבער דער זאוואדציק ניט 10×10 קאפ' א גאנצען רובל, נאר ער רעכענט אויס וויפיעל הוצאות דער ארבייטער דארף האבען כדי צו בעשאפען כח אויף 10 שעה ארבייט. אויב צו ארבייטען 10 שעה, ווייסען מיר, אז עס איז גאנץ גענוג דער ארבייטער זאל האבען איין ארט פאר זיין פאמיליע צו שלאפען, שפייז צו עסען ווי עס פאסט פאר איין ארבייטער—מיט איין ווארט, אויב א 10 שעה'דיגען ארבייטס-טאג דארף דער ארבייטער האבען אויף א טאג חיונה, און אויב אויף דער חיונה ברויך מעהר ניט אוועק צו געהן ווי 50 קאפ', גיט דער פאבריקאנט יעדערען פון די דריי ארבייטער שכירות צו 50 קאפ' א טאג. דער פאבריקאנט בענוצט זיך אבער מיט 10 שעה ארבייט פון יעדען ארבייטער, די איבעריגע 5 שעה בלייבט פאר'ן פאבריקאנט כולו רוח. און וואס מעהר ארבייטער עס ארבייטען אין פאבריק אדער אין זאוואד איז אלץ דא מעהר רוח. אונזער זאוואדציק בלייבט 15 שעה איבעריגע ארבייט, דאס הייסט, אז ער האט פון אזא קליינעם געשעפט ווי אויס ארבייטען 100 ציגעל, 1 רובל 50 קאפ' רוח.

די שעות ניט בעצאהלטע ארבייטס-קראפט, וואס שפייזט די גאנצע געזעלשאפט און וואס טוט אויף א זעלכע גרויסע אוצרות געלד און נאך רייכטום, ווערד אנגערופען מעהר-ווערט. דער פאבריקאנט בעצאהלט טאקי פאר'ן ווערט, אבער די ווערט גיט א גאנץ גוטען רוח, א מעהר-ווערט.

מיר מוזען בעמערקען, אז דאס וואס מיר זאגען, אז דער גאנצער קוואל פון רוח איז די מעהר-ווערט די ניט בעצאהלטע ארבייטס-לוין, מיינען מיר דאס ניט אין יעדע יחיד'ישע אונטערנעמונג בעזונדער, מיר רעדען וועגען דעם רוח פונ'ם גאנצען כלל, פון אלע אונטערנעמונגען, וועלכע געפינען זיך אין אונזער גאנצער געזעלשאפט.

היינטיגע געזעלשאפט, וועלכע איז געבויט נאר אויף געלד, וואו געלד איז דער הויפט-בעוועגער פון אלע אונטערנעמונגען, דער רעכטער מושל אויפ'ן מארק, בעקומט יעדער פאבריקאנט דעם רוח לויט דער גרויס פונ'ם קאפיטאל, וועלכער ליגט אין דער אונטערנעמונג און ניט לויט דער מאס ניט בעצאהלטע ארבייטס-קראפט. די מעהר-ווערט בעשאפט טאקי דעם רוח פאר'ן גאנצען כלל און פארנאנדערטיילונג פון דער רוח צו יעדען יחיד. בעזונדער שפילט די ראלע דער קאפיטאל, ער איז דער רעכטער רעגירער אין דער פארנאנדערטיילונג פון דער רוח. ווען מיר זאלען נעמען אלע הוצאות,

וואס די גאנצע געזעלשאפט גיט אויס אויף שכירות פאר ארבייטער און אלע הכנסות פון אלע אונטערנעמונגען, וועלכע געפינען זיך אין אונזער געזעלשאפט, מאכען א בילאנס און ארונטער ציהען די הוצאה פון דער הכנסה, וועט דער רעסט רווח זיין גלייך צו אלע ניט בעצאהלטע שעות ארבייטס־קראפט פון דער גאנצער געזעלשאפט — צו דער מעהר־ווערט.

איצט וועט אונז שוין קיין וואונדער ניט זיין, וואס מיר זעהען, אז פיעלע אונטערנעמונגען, וואו עס ארבייטען זעהר וועניג ארבייטער געבען פון דעסטוועגען א סך מעהר רווח, פאר די אונטערנעמונגען, וואו עס ארבייטען א סך מעהר ארבייטער, אין יעדען בעזונדערען פאל בעקומט דער פאבריקאנט זיין רווח ניט לויט דער סומע שעות מעהר־ווערט, וויפיעל זיין אונטערנעמונג שאפט, נאר לויט דעם גרויס פון קאפיטאל, וויפיעל עס איז פארהאן אין אונטערנעמונג.

די מעהר־ווערט קומט ניט אן דווקא דעם, ביי וועמען ער ווערד געשאפט, נאר אלע קאפיטאליסטען טיילען דאס צווישען זיך, טייל נעמט דער פראצענטניק, ווייל ער לייהט דעם פאבריקאנט געלד, טייל נעמט דער סוחר פאר'ן אויסברענגען די סחורות, און איבערהויפט יעדער קאפיטאליסט, אויב ער לאזט זיין געלד אויף וואס עס איז נאר איין אופן, בעקומט א טייל מעהר־ווערט.

ווען מיר פארמולירען מאטעמאטיש דעם רווח פון יעדער אונטערנעמונג, קומט אויס, אז דער רווח איז גלייך צו די חלקים, וועלכע קומען ארויס פונ'ם צעטיילען דעם סך הכל פון אלע מעהר־ווערטען, וואס די געזעלשאפט שאפט אויף יחיד'ישע קאפיטאלען.

א. ש. זאקס.

די וועלט־געשיכטע

(פארטזעצונג שטאט ענדע).

מיר ווילען אבער שוין אנהייבען צו בעטראכטען די בעארבייטונג פון דער געשיכטע אליין. ווער עס האט געהאט דאס גליק אדורכצוקומען דורך די הויך פאעטישע, געקינסטעלטע שפראכע פון ה' דינעזאהנס הקדמה, ווייסט, אז די פארהיסטארישע צייט ווערד איינגעטיילט אין דריי צייטען, פעריאדען: די שטיינצייט, די בראנז־צייט, די אייזענצייט. אמת, מען האט אמאל טאקי אזוי איינגעטיילט יענע אלטע צייטען, נאר אזוי ווי דער איבערזעצער האט בעארבעט זיין געשיכטע לויט די נייעסטע קוועלען, מוז ער מיר מוחל זיין, אז שוין אין די אכציגער יאהרען האבען היסטאריקער אנדערש געלעהרנט. זיי האבען ריכטיג בעוויזען, אז מענשען האבען מן הסתם פריהער בענוצט אייזען ווי בראנז. ווארום אייזען געפינט זיך כמעט אין אלע וועלט־טיילען. קוים האבען מענשען בעמערקט ווי אייזען שמעלצט זיך אין א גרויס פייער, האבען זיי געגראבען אייזענערדע, האבען זי געשמאלצען און האבען שוין געהאט אייזען. מיט בראנז איז שוין א שווערע זאך. בראנז איז א געמיש פון 9 חלקים קופער און איין חלק ענגליש צין. קופער איז שוין ניט אין אלע לענדער פאראנען, אזוי ווי אייזען; דאס שמעלצען איז זעהר שווער. צין איז אבער נאר דא אין 3 ערטער אויף דער וועלט, איז עס נאטירליך גאנץ שפעט בעקאנט געווארען. און צו פאלען אויף דער המצאה און פונקט צו טרעפען 9 חלקים קופער און 1 חלק צין איז ניט פון די לייכטע זאכען פאר א פארהיסטארישען ערפינדער. דעריבער האבען איינגע היסטאריקער אין די 80 יאהרען אנגענומען דעם סדר: שטיין, אייזען בראנז. היינט טיילט מען איין די מעטאל־צייט נאך דער שטיין־צייט, פון א בראנז־צייט רעדט מען גיט מעהר. הער דינעזאהן פארטייטשט דאסווארט בראנז בזה הלשון: „בראנז דאס איז צוזאמענגעמישטע מעטאלען, ווי צין מיט קופער". נאטירליך, איז דאס ניט ריכטיג. (זעה Hestmann Chr. Studien z. vorgeschichtl Archaeologie. Braunschw. 1891). אויך טיילט דער איבערזעצער איין אלע מענשען אין דריי ראסען: שווארצע, געלבע און ווייסע. די ווייסע טיילט ער אין 2 פאמיליען, היינו די סעמיטישע — בני שם בן נח — און די אינדא־גערמאנישע — בני יפת בן נח. מיר האבען געלערנט ביי בלומענבאך איינטיילען די מענשען אין 5 ראסען: שווארצע, למשל נעגער; געלע, למשל חינעזען; קופערפארבינע, למשל אמעריקאנער; מאלייעשע, דאס הייסט געלברוינע, און קאווקאזישע, דאס הייסט די ווייסע. אין אלע שולביכער איז אנגענומען די דאזיגע איינטיילונג אלס וויסענשאפטליך פעסט; זי איז געשטיצט ניט אליין אויף דעם חילוק פון דער הויטפארב פון אלע פארשידענע פעלקער, נאר אויף דער מאס פון דער טשערעפ (שארבען, גלגולת), וועלכע בלומענבאך האט דאס גאנצע לעבען געמאסטען און שטודירט. קיוויע, א פראנצויזישער געלעהרטער, האט אביסל אנדערש איינגעטיילט די ראסען, נאר אויך אין 5 גאטונגען. אנדערע חכמים, ווי רעטציוס, פעשעל, העקעל, פר. מילער, האבען איינגעטיילט די מענשען אין מעהר ראסען, איינער גאר — ביז 150. פון וואנען אונזער איבערזעצער קומט צו דער איינטיילונג פון 3 ראסען, ווייס איך ניט. מען זעהט, ער האט פשוט פארגעסען צו רעכענען די קופער־ראסע די אמעריקאנישע און די מאלייאישע. אפשר וועט איהר מיר זאגען, וואס איז פאר איין אומגליק, אז ער האט פארגעסען צו רעכענען די אמעריקאנישט ביי דער איינטיילונג פון ראסען? ווער עס האלט דאס פאר א קלייניגקייט דער לערנט איבערהויפט ניט קיין וועלט־געשיכטע. אין דער וויסענשאפט איז דאס א גרעסערער חטא, ווי פארגעסען יעלה ויבא ביים בענטשען. עס זעהט אויס, ווי איינער בויט א הויז און האט פארגעסען טירען און פענסטער אריין צו שטעלען. — נאך דעם ווי ה' ד. טיילט ווידער איין די ווייסע ראסע אין 2 הויפטפאמיליען, זאגט ער בזה הלשון: „די שווארצע ראסע (היינו די נעגער־ראסע), ווערד אויך אנגערופען חאמיטען, בני חם בן נח, אדער קושיטען, כושים". דא קאן איינעם שוין אויסגעהן די געדולד. מילא אז א בערימטער יודישער שריפטשטעלער מאכט פעהלער אין די חכמות חיצוניות, האט ער אויך דערויף א קנאפען תירוץ; אלס דיכטער, ראמאנשרייבער, קאן ער אפשר יוצא זיין מיט זיינע ידיעות; נאר צו וואס פארדרעהסט דו דער וועלט א קאפ מיט וועלט־געשיכטע? נאר אז א יודישער שרייבער איז פרעמד פון תנ"ך און פון שכל הישר, דאס איז איהם געוויס ניט מוחל צו זיין. יעדער ווייסט פון חומש, אז נח האט געהאט 3 זיהן: שם, חם, יפת. אין בראשית, קאפיטעל 10, זענען אויסגערעכענט אלע פעלקער, וואס קומען ארויס פון שם, פון חם, פון יפת. די חכמים, וועלכע שטודירען די פעלקער, הגם זיי האבען ניט ליב אונזער חומש, האבען אבער זיך גענוי איבערצייגט, אז די איינטיילונג אין חומש איז ריכטיג און פעסט. דאס קאפיטעל 10 פון בראשית איז געווארען ביי

אלע חוקרים א יסוד, איין אלף־בית פון דער פעלקערקונדע. זיי רופען אן דאס קאפיטעל פעלקערטאפעל. עס זענען געשריבען געווארען דעריבער גאנצע שענק מיט ספרים אונ ארטיקלען. ווער עס איז נאר א שטיקל ספרים־לייענער האט געוויס ערגעץ געטראפען א שמועס וועגען דער פעלקערטאפעל. די הויפטארבייט אין דעם דאזיגען ענין איז פון מיכאעלים, ראזענמילער, י. מילער, קנאבעל, קרוקע, קיפערט וכו'. אונזער איבערזעצער אבער מאכט זיך גאר ניט וויסען אונ וויל די חאמיטען ניט צייהלען צו דער ווייסער ראסע, מיט זייערע ברידער סעמיטען אונ יאפעטידען (בני יפת), נאר דוקא מאכט ער פון זיי גאר שווארצע אונ רעכענט זיי צו דער שווארצער ראסע. אונ ווי איז גלאט דער שכל, אז נח האט געהאט 3 זיהן איז איינער געוועזען שווארץ, ווי איין אבגעפוצטער שטיוועל, מיט גראבע ליפען, מיט געקרייזעלטע האר. אונ 2 זענען געוועזען ווייסע, איינער האט אויסגעזעהן ווי א יוד אונ דער אנדערער ווי איין ענגלענדער ?

(ענדע קומט).

ה. קירשענבוים.

ליטעראטור אונ קונסט

דברי הימים לבני ישראל. מאחרית האלף החמישי ועד ימי הדור האחרון בידי מ. ברוינשטיין (מבש"ן) חלק שלישי הוצאת חברת אחיאסף. ווארשא תרס"ג.

(די יודישע געשיכטע פון ענדע דעם 5־טען טויזענט ביז אויף די לעצטע צייט. דורך מ. ברוינשטיין (מבש"ן) דריטער טייל. אויס־גאבע „אחיאסף".)

מיט דעם חלק ענדיגט זיך אין גאנצען דאס ווערק, אין וועלכעם די גאנצע יודישע געשיכטע איז אין קורצען, ווי פאר מיטעלע יודישע שולען, אויפגעשריעבען. קיין וויכטיגער פארפאל אין דער יודישער געשיכטע איז אין איהם נישט דורכגעלאזט אונ די שפראכע איז א לייכטע אונ א פארשטענדליכע.

— דער ווילנער חזן א. בערנשטיין האט פערפאסט א מעלאדיע צו פרוג'ס לעצטען ליעד „האט רחמנות".

אלערליי.

— א לעזע ביבליאטהעק פאר בלינדע. האט זיך געעפענט אין ציריך (שווייץ), אין וועלכע עס געפינען זיך ביכער, וואס זענען ספעציעל געדרוקט פאר בלינדע אונ האבען א בולט'ע שריפט, וועלכע די בלינדע טאפען עס מ'ט די פינגער. דאס איז די ערשטע ביבליאטהעק אין דער וועלט, וואס איז געגרינדעט געווארען פאר בלינדע. ביז איצט זענען אזוינע ביבליאטהעקען געווען נאר אין די אינסטיטוטען, וואו מען לעהרנט די בלינדע לעזען.

יודישע פרויענוועלט

I. אלגעמיינע נייעס.

— אין מינסק האט מען אויסגעארבייט א פלאן צו גרינדען אין רוסלאנד א סעמינאריום פאר לעהרערינען.

— אין דעם יאהר 1902 האבען אין דייטשלאנד 11 פרויען בעקומען דעם טיטעל דאקטאר. 4 פון זיי זענען געווארען דאקטאר מעדעצין. די איבעריגע האבען אויסגעשטודירט פילאזאפיע, פילאלאגיע, קונסט־געשיכטע, עקאנאמיע, געאגראפיע אונ זאאלאגיע.

— אין הײדעלבערג (דייטשלאנד) איז פריילײן האמבורג אויס ברעסלוי געווארען אסיסטענט אין דעם זאאלאגישען אינסטיטוט.

— א שוועסטער פון דער געוועזענער סערבישער קעניגין דראגא, איז אנגעקומען אין זשענעווער אוניווערזיטעט צו הערען לעקציעס.

וועגען פרויען ערציעהונג.

ניטשט אויף דעם מאנסביל, — נאר אויף די פרויען ליגט דער וויכטיגסטער חוב: „די ערציעהונג פון די מענשהייט".
רעסקין.

I.

א דייטשער פילאזאף פיכטע זאגט, אז דער אמת קומט ארויס פון יושר, אז די מענשען, פערלאנגען נישט לויט דעם שכל, נאר זיי אורטיילען לויט זייער פערלאנגען, אז יעדער געדאנק קומט ארויס פון הארץ אונ דעריבער איז די היסטאריע פון אונזערע געדאנקען נישט מעהר ווי די היסטאריע פון אונזער הארץ.

די ווערטער, וועלכע פיכטע האט עס געזאגט אין א פילאזא־פישע שפראכע פאר מענשען, וואס בעשעפטיגען זיך מיט פילאזאפיע, זענען א ביסל נישט פערשטענדליך פאר דעם געוועהנליכען מענש, וואס האט וועניג געלערענט אדער געלעזען פילאזאפישע ווערק. די כונה פון זיינע ווערטער איז, אז דאס וואס ביי דעם מענשענס יושר, ביי זיין חז ראקטער קומט אויס צו טון, דאס מיינט ער איז דער אמת. פיעלע מענשען טוען שווערע פערברעכען אונ ווייסען גאר נישט אז זיי טוען א פערברעכען, ווייל דאס הארץ זייערס גליסט שטארק נאך דער עבירה, קומט זיי אויס, אז באמת מעג מען דאס טון, אז עס איז גאר נישט קיין פערברעכען.

„אלע מיינע איבערצייגונגען" — זאגט ווייטער דער פילאזאף — קומען ארויס פון מיינע לוינען, אבער נישט פון מיין שכל אונ נאר דאס פערבעסערען דאס הארץ קאן ברענגען צו די אמת'ע חכמה.

די כונה פון די ווערטער איז אז דער געדאנק פון מענשען איז לויט ווי ער איז געלוינט. איז דער מענש, ביי גוטער לוינע קומט איהם אויס, אז אלצדינג איז גוט אונ שען, טאמער אבער איז ער אין א שלעכטער לוינע קומט איהם די אייגענע זאך אויס שלעכט אונ מאוס. דעריבער אז מען וויל אז די חכמה זאל ריכטיג איבער אלעס אורטיילען, דארף מען פריהער דאס הארץ אויסבעסערען, אז עס זאל פערלאנגען נאר גוטס, וועט שוין דער שכל ממלא פאלגען דעם פערלאנגען פונ'ם הארץ.

יעדער פון אונז, ווען ער זאל טיעפער זיך צוקוקען צום אייגענעם לעבען, וועט באלד בעמערקען ווי וייט אמת עס זענען די ווערטער פון דעם דייטשען פילאזאף. עס איז גענוג מען זאל נאר איין טאג גוט בעטראכטען אלץ וואס מיר האבען אין דעם טאג געטאן, וועלען מיר דערגעהן, אז אלצדינג, אפילו די געדאנקען, וואס האבען אונז געבראכט דערצו מיר זאלען דאס אדער יענס טון, קומען נישט ארויס פון דעם שכל, נאר פון דעם הארץ.

(פארטזעצונג קומט).

נ. מולנער.

רעדאקטאר: מ. ספעקטאר.
פערלאג „פאלקסבילדונג".

Herausgeber Verlag Volksbildung, Verantwortlicher Redacteur Moses Deutscher, Krakau, Druck v, S, L Deutscher Podgorze b .Krakau

אויף דעם זאמעל־בוך „הילף“

וואס די גאנצע הכנסה געהט פאר די פאראומגליקטע יודען אין קישינוב.

(פרייז 1 רובל מיט פארטא)

אלעקסאנדראוו: פ. מ. גאלדבערג (7 עקז.) — **אנטאנאווקע:** י. איזראעלט. — **ארגייעוו:** פייגע אמבורד, ס. באלאן, א. בערסוצקי, ד. בער־קאוויטש, י. בראהאר, ל. בראנאווער, מ. גרויסער, מ. טשולסקי, ל. מונדריאן. צ. מילשטיין, ח. פאלאנסקי, ב. פוכער, ב. פינקעלשטיין, ל פינקעלשטיין, א. קליימאן, מ. ראוויטש — **באחמוט:** די ביבליאטהעקע, דעגלין, ליבין, מאסין, מארדקאוויטש, ליכטענשטיין, קאנדרעגאר, קאניקאוו. — **באראנאווקא:** מ. טאקסאר. — **באלטא:** רחל ריעזניק. — **ביעלאפאלע:** י. מ. ראחמאשאוו.— **בענדערי:** י. מאזניקער. — **דובאסארי:** ז. פלאם — **ווישנעוו:** חנה לייבמאן, **יעקאטארינאסלאוו:** א. אלענעוו (2 עקז.). — **לאדז:** י. נ. סטאלקין, ח. מ. פעטראקאווסקי, א. פערלמוטער. — **לעאווא:** ש. אויערבאך, ש. אייזענדלער, א. אפעל, ד. אקסמאן, נ. אקערמאן, מ. ארזאנטער, ארפין, א. באלאבאן, מ. באלצאן, י. י. בוכמאן, י. ח. בוכזאן, נ. בוכמאן, צ. ביכמאן, נ. בייסמאן, נ. בינזי, ש. ל. ביגעלדראט, ע. בלאנק, מ. בערגשטיין, א. בערינשטיין, ו. בער־קאוויטש, י. בערקאוויטש, ש. בערקאוויטש, ז. גאלד, י. גאלד, צ. גאלדמאן, י. גאלדענבערג, ב. גאנזער, מ. גוטערמאן, י. גליקמאן, ד. גרינשטיינער, י. דאווידאוויטש, ד. האלטמאן, י. האניגבערג, מ. האניגבערג, י. הויכמאן, צ הור־וויטש, ד. הושמאן, י. הערצין, מ. וואלצער, י. ווייסגאלד, מ. ווייסגאלד, י. ווייסמאן, מ. ווייסמאן, א. ווינדערמאן, פ. וועלצער, ט. וועקסלער, י. זאראוו, צ. זינגער, י. זעלינגער, א. חאריטאן, צ. חון, ש. חזן, ש. טייטעלמאן, א. יא־ראשעווסקי, ש. יאראשעווסקי, ה. ח יענקעלעוויטש, מ. יעקילזאהן, א. כהן, ד. כהן, יוסף כהן, יהושע כהן, ישעיהו כהן, י. כהנא, י. ליבערמאן, מאלדאזוער, א. מיילאנד, מיכל, מ. מלמד, מ. מערמסקי, מרמר, ש. נאדילמאן, א. סאקציער, ר. סאקציער, ל. סופר, מ. עדעלשטיין, מ. ערליך, א. פיינשטיין, ב. פיינשטיין, י. פיינשטיין, מ. פיינשטיין, ק. פירשטיין, מ. פישמאן, צ. פישמאן, ש. פישמאן, צ. פראנק, י. פרוכטמאן, י. פרידמאן, י. צווילונג, ח. צוקערמאן, ז. קאבלאנ־סקי, ב. קאנטאר, מ. קאנטאר, ד. קאנסטאנטינאווסקי, י. קאפמאן, מ. קויטש, ב. קיטאר, מ. קיסלער, א. ראבינאוויטש, י. ראבינאוויטש, ר. ראזענבלאט, ד. רובינגער, ל. רויזענבערג, י. רייזער, ח. שאפאטשניק, י שאפאטשניק, צ. שא־פאטשניק, אליהו שאפער, אברהם שאפער, ג. שאפער, ד. שאפער, יוסף שאפער, ישראל שאפער, מ. שאפער, מ. שווארץ, י. שווארצמאן, א. שולמאן, י. שטיינ־בורג, נ. שטיינבורג, מ. שיינפעלד, מ. שכיניקונו, י. שלימאוויטש, י. שעכטער, י. שפינדער, י. שפירא — **מאסקווע:** פיקאר. — **מאריופאל:** נ. יעלעשצער

מיטאווא: ר. יודלאוויטש. — **מלאווא:** אדעל גאגאליק. — **נאוואגראד־וואלינסק:** א. י. גאלדמאן. — **סארני:** ד. בערגעלסאן, נ. זעלצמאן, חיה חערסאנקי, ברכה קאטליאר, א. רייזניק. — **סיניוחא:** א. קאשצעוואטסקי. — **פרידריכסהאף:** ל. מעדאליע. — **קאזימיר:** ח. פריד. — **קאפאי־גאראד:** י. ג. ספעקטאר. — **קיעוו:** ח. חאטאוונער. — **קריוואי־ראג:** נ. א. פינקעלשטיין **ראמנע:** ש. א. גיטיק. — **ראסטאוו:** מ. ראזענבערג (3 עקז) — **ריגא:** וו. יאקאבאוויטש, ע. שלאסבערג. — **שקודי:** מ אבראמאוויטש.

ס"ה: 189 עקז.

נעגעז מערידען און פוקלעס!

אפאראט וועלכער היילט גרינדליך

אהנע אפעראציע. פרייז 2 ר׳ 50 קאפ.

Д. МОШКОВСКІЙ Варшава, Налевки 37.

פערלאג „פאלקסבילדונג“.

ציוניסטישע ביבליאטהעק.

א.

1) **די יודישע קאלאניאל־באנק** פון דר. ח. ד. הורוויץ;

2) **דער נאציאנאל־פאנד** פון ר. א. ברוידעס.

פרייז 3 קאפ. מיט פארטא 5 ק.

ב.

די מינסקער ציוניסטישע אסיפה.

פרייז 10 קאפ. מיט פארטא 12 קאפ.

ציוניסטישע אגודות בעקומען ראבאט.

Издат. „Тушія“, Варшава. — Verlag „Tuschijah“, Warschau.

דער ערשטער באנד פון „שלום עליכם׳ס אלע ווערק“ איז שוין ארויס פון דרוק און צעשיקט געווארען אלע אבאנענטען וואס האבען אויסגעשריבען מיט די ווערק.

אינהאלט פון ערשטען באנד:

I. דער ערשטער ארויספאהר. איין אמת׳ע מעשה ווי אזוי צוויי יונגע פייגעלעך, וואס האבען ניט אנ־געקוקט רעכט די ליכטיגע שיין, פליהען ארויס דאס ערשטע מאל אויף גאטס וועלט.

II. דאס מעסער׳ל. א טרויריגע געשיכטע פון די קינדער־יאהרען.

III. טביה דער מילכיגער. דריי ספורי מעשיות.

1) דאס גרויסע געווינס.

2) א בוידעם.

3) היינטיגע קינדער.

IV. אויפ׳ן פידעל. א מעשה.

די איבעריגע 3 בענדער וועלען צעשיקט ווערען יעדע וואכען א באנד, אזוי אז ביז צום סוף יאהר וועלען אלע 4 בענדער צעשיקט ווערען צו די אבאנענטען.

אבאנאמענטס פרייז:

פון 1־טען יולי ביז צום סוף יאהר די יודישע „פאלקס־צייטונג“ צוזאמען מיט די 4 בענדער „שלום־עליכם׳ס אלע ווערק“ — 4 רובל, פאר א האלב יאהר צוזאמען נאר מיט 2 בענדער 3 רובל, פאר א פיערטעל יאהר צוזאמען מיט 1 באנד 1.50 רובל.

די צייטונג אהן דער פרעמיע: 1 רובל א פיערטעל יאהר, 2 רובל א האלב יאהר.

שלום־עליכם׳ס אלע ווערק אהן דער צייטונג פערקויפען זיך ניט.

מיר בעטען די וועלכע ווילען אבאנירען די צייטונג אליין, אדער מיט דער פרעמיע זאלען זיך בעאיילען אויסצושרייבען אין דער צייט, ווייל די צייטונג און די פרעמיע דרוקען מיר נאך א געוויסע צאהל עקזעמפלארען.

י. שעקמאן, ווארשא.
פאבריק פון זילבער 84 פראבע
(128) עט פלאטע־וואארען. 29 50

Paryzkie nowe modele
rekomenduje znany magazyn
Okryć damskich, wierzchów do futer i kostjumów
D. Borodowski, Warszawa, Leszno 9 m 4.
Na żądanie wykonywam wszelkie obstalunki
w 24 godzin.
(148) 25—14

דר. מ. גראדזיענסקי
ארדינאדאר אין קליניק פיר
אינערליכע קראנקהייטען
9—10 אין שפיטאל שוו. רוך (220)
עהמט אן קראנקע ביז האלב 1 פריה
און פון האלב 3 ביז 5 נאך מיטאג
ווארשוי, דזיקא 4 — (נאוואליפקי 6)

היימישע מיטטאגען!
צו מעסיגע פרייזען, אויך פער־
שיעדענע צייטונגען צום לעזען ביי
אהרן משכיל־לאיתן
ווארשא, גענשע 13, וואהנונג 7,
19־50 אין טהויער, 2 שטאק. (192)

1000 ביז 2000 רובל זייטיגע הכנסה יעדעס יאהר
קען האבען יעדער, וועלכער פאר 300 ביז 600 רובל (מען קען אויס־צאהלען אין ראטעס) שאפט זיך איין פון אונז א מאשינע מיט א בע־שרייבונג, וועלכע לערנט אויס ווי איינצוארדענען א זאוואד אליין אהן שום הילף פון איין אנדערן און אהן שום לערנען פאר דעם, ווי צו מא־כען אלערליי סארטען געטרענקע פון פרוכט, יאגדעס, סעלטערס און אנדערע מינעראל־וואסער, פערשיעדענע קוואסען, פראנצויזישע געטרענ־קע און ווין: סידר, שאמפאניער, אריענזשען א. ד. ג. — דעם חשבון וואס דאס דארף קאסטען און פאלשטענדיגען פראקטישען פרייז קוראנט מיט אילוסטראציעס שיקט ארויס פאר א 10 אדער 7 קאפעקענע
(237) מארקע די פאבריק פון מאשינען: 2—2
Фабрика машинъ ИППО и Ко. въ Варшавѣ,
Грибная ул, собств. домъ № 15н.

ווינש־קארטען (לשנה־טובה)
עם ציורים מציון!
פראכטפאללע ארבייט! 20 סארטען ווינש־קארטען (פאסט־קארטען) מיט פערשידענע שענע בילדער מארץ הקדושה. פרייז פאר א קאלעק־ציאן פון 20 שטיק מיט פרטא 50 קאפ. סוחרים און ציוניסטישע פעראיינען בעקומען גרויסען ראבאט.

אויך געפינט זיך א פרעכטיגער אונגעהייער גרויסער אויסוואהל פערשידענע שענע סארטען אויסלענדישע ווינש־קארטען, אנטיקען אונגעהייער ביליג! פאר 5 רובל בעקומט מען א פאלשטענדיגע קאלעק־ציאן ווינש־קארטען (וועניגער פון 2 רובל ווינש־קארטען ווערט מיט קיין נאכנאהמע ניט געשיקט, ביז 1 רובל קען מען שיקען מיט פאסט־מארקען) אלע בעשטעלונגען ווערען ערפילט „שנעל און פונקטליך גוט און ביליג".

קארטא פאלעסטינא.
דיזע קארטע ענטהאלט: אללע שטעדט, שטעדלעך, טייכען, טייכלעך, אלע אלטע און נייע קאלאניעס, צייגט אן: די גרענעצען פון די שבטים, וויפיעל מענשען יעדע קאלאניע האט און וויפיעל ערד יעדע קאלאניע בעזיצט א. ד. ג. דיזע קארטע איז פראכטפאל שען געדרוקט אין 8 שענע פארבען. פרייז 40 קאפ. סוחרים און ציוניסטישע־פעראיינע בעקומען גרויסען ראבאט, (וועניגער פון 5 קארטעס ווערען מיט קיין נאכנאהמע ניט געשיקט).
233 אדרעססע: 12—6
Книжный магазинъ Братьевъ Блетницкихъ въ Одессѣ.

דאמף־דרוקעריי עט ליטאגראפיע
פון ש. בעלכאטאווסקי אין פיעטרעקוב
איינגעארדענט לויט די נייעסטע סיסטעמע, מיט די שענסטע מאדערנע שריפט און פערצירונגען, נעמט אן צו דרוקען **אלערליי ביכער: יודיש, רוסיש פויליש, דייטש** א. ז. וו. אויף די לייכטסטע בעדינגונגען. אויך פערשידענע עטיקעטען, פרייז־קוראנטען, פאבריטשנע ביכלעך, אויך אלערליי אנדערע סארטען דרוק אונד **ליטאגראפישע זאכען.**
(212) אלעס ווערט פינקטליך און שנעל בעזארגט. 50 12
Въ Типо-литографію Ш. Белхатовскаго, г. г. Петроковъ.

בכית מסחר הספרים
י. ראזומאווסקי בברדיטשוב
ובהמחלקה שלו **בווארשא, נאלעווקי 34**
אצל **א. ציילענגאלד** נמכרים כל מיני
(217) ספרים במקחים נמוכים. 11 50

НУЖНЫ АГЕНТЫ
для сбыта **издѣлій** штемп. **фабрикаціи и патент** пред-метовъ со значительн. прибылью. **Первоклассн.** производство. **Не смѣшивать** съ другими **мелкими** заведеніями. Рефлектанты благовол. указать родъ занятій и адр. **Каталоги** и условія **безплатно.** Конт. паров. типогр. и фабр. штемп. **И. ЗИМАНЪ,** г. **Бѣлостокъ**
6—8 281

ביתֿמסחר ספרים
ב. צ. שיינפינקעל
ווארשא זלאטע 63
מוכר, קונה ומחליף כל מיני ספרים
(210) בתנאים נאותים למאד. 12 50

א נרינגע און א זיכערע פרנסה!
קאן האבען אין אללע שטאדט פון רוס־לאנד און פוילען, ווער עס וועט צוטרעטען אלס שותף צו דער
נייעסטע ערפינדונג — פון 20טען יאהרהונדערט
צו פעררייכטען אללערהאנד שוה־ווערק אהן נעטה וואו עס איז נישט צו דער־קענען דעם מינדסטען צייכען פון א לאטע עס מאכט קיין אונטערשיעד וואס פאר א מין לערער עס איז.
אללע איינצעלהייטען אנטווארטע איך אין א בריעף ווער עס שיקט אריין א מארקע פון 7 קאפ.
242 3—1
אדרעססע: С. АКЕРМАНЪ
Новолипки 58, Варшава.

פאבריק פון פייערפעסטע
אייזערנע קאססעס
1915 15

עמפפעהלט איהר אויס־ארבייטונג נאך נייעסטעם סיסטעם, קאנקורירט מיט די פרייזען און פערגרע־סערט די №№ געגען אנדערע פאבריקען
פרייז קוראנטען פראנקא
Ш. Хари, Варшава, Новолипье 40

Оптическо-Хирурги-
ческой складъ
И. ПИКЪ
Налевки 35 Варшава

רוכבענדער עלעקטרא־גאלוואנישע מיט גומי פעלאטין, וועלכע האלטען גענצליך איין דעם ברוך און דריקען נישט דעם קערפער. ברוך־ און בויכבענדער פיר פרויען, עלאסטישע גומי־שטרימפפע פיר געשוואלענע פיס, גארסעטען פיר גארבאטע, קינסטליכע פיס און הענד, שטוצנע אויגען, ברילען מיט בעלגישע גלעזער פיר קורצע און שוואכע ראיה, ווי אויך אללע אפטישע און חירורגישע אר־טיקעל אין גרויסען אויסוואהל צו זעהר ביליגע פרייזען עמפפעהלט אפטיק
י. פיק, נאלעווקי 35 ווארשא.
אלץ ווערד צו געפאסט דורך ספעציאליסטען
234 25—4

אומזוסט אהן געלד!!
שיקט מען יעדען א ביכעל וועגען שניידען און נייהען אלערליי מלבושים אדרעססע:
Г-жѣ Бертѣ Найдичъ, Варшава.

ТОЛЬКО нѣсколькими рублями можетъ каждый завести постоянный хорошій заработокъ у себя дома. Объясненіе безплатно.
Адресъ: **Я. Найдичъ, Варшава.**

Вышло третьимъ изданіемъ:
О возрожденіи еврейскаго народа на Св. землѣ его древнихъ отцовъ
М. Л. ЛИЛІЕНБЛЮМА
(6 печатныхъ листовъ на хорошей бумагѣ) цѣна 20 к., съ пересылкой 26 к. Сіонист. Кружкамъ и книгопродавцамъ 20⁰/₀ск.
Адресъ издателя: Книжный маг. С. Горнштейна,
Одесса, Безыменный пер. 28.
239 4—3

בבית־מסחר־ספרים של
ז. ש. שרעבערק, ווילנא, סטעפענג.
נמכרים כל מיני ספרים בתנאים נאותים.
Книжн. магаз. З. Ш. Среберка,
(225) Вильна. 50—7

פריוואט־אנשטאלט פון קינדבעטורין פון ד"ר וואוועלבערג, לעשנא 79, ווארשא נעהמט אן ארעמע קינדבע־טורינס אומזאנסט. פיר פערמעגלי־כע בעזונדערע צימער פאר צאהלונג. אומזאנסטער אמבולאטאריום פיר פרויען־קראנקהייטען פון 10 ביז 12 פריה.
231 (20—7)

אהוב את המלאכה!
אללע סארטען שפיגעל מאכען לערנט אויס גרינטליך, אויך דורך בריעפע
דער 25־יעהריגער פראקטיקאנט אין דיא שפיגעלפאבריקאציאן
Адресъ: **Юдку Вейнбляту**
Варшава, Слизкая 22.
(105) 25—19